# שטימע בלומינגראוו
BLOOMING GROVE VOICE

די פּאַראייניגטע 'שטימע' פון תושבי 'בלומינגראָוו' והגלילות

פ' **תרומה** תש"פ
Vol. 9-A

United Jewish Community of Blooming Grove · Est. 2019


שב"ק פרשת
**תרומה**
ד' אדר תש"פ

זמנים

הדלקת הנרות
**5:31**
סו"ז קריאת שמע
**8:44**
זמן מוצש"ק
**6:59**

# סוקסעספולע מיטינג מיט "וואַשינגטאָנוויל סקול דיסטריקט" אין די ראמען פון אנגייענדע באמיאונגען צו שליכטן די פּראבלעמען מיט "קוואַליטי באָסעס"

גאָר קריטישע אינפאָרמאַציע איבערגעגעבן:

מיר קענען העכערן די באָסעס מיט 50 פּראצענט;
אָבער יעדער מוז רעגיסטרירן די קינדער!

7

## עדיטאריעל:

# משנכנס "שטימע" מרבין בשמחה

4

## אין נאָכאַנאַנדן קייט פון אומאויפהערליכע אויפטועט "פון בלומינגראָוו פאַר בלומינגראָוו":

# אויפנאַמע פון היימישן באַגאַבטן "ליעזאָן" פון די אידישע געמיינדע אין בלומינגראָוו צו דער "סאַוט-בלומינגראָוו פייער דעפּאַרטמענט", ווייטגרייכענדע דורכברוך לטובת העיר

2

## אימפּאזאנטער "מסיבת סיום וכינוס אנ"ש" דורך התאחדות אברכים דק"ק יטב לב ד'סאטמאר

התאחדות אברכים דרבינו יואל ד'סאטמאר בלומינגראוו

תושבי בלומינגראוו ברענגט אַרויס פרעכטיגן כבוד התורה

10

## תושבי בלומינגראוו ווען זיך מיטפרייען ביים שמחת השבע ברכות לכבודו פון הגה"צ אבדק"ק ראדאוויץ שליט"א

לרגל די שמחת החתונה פון עלצטן אייניקל, בת בנו הרה"ג ר' יואל מייזעלס שליט"א, ר"מ בישיבת קאשוי

דעם מוצש"ק תרומה, בביהמ"ד מאורות נתן ראדאוויץ

## גרויסארטיגער מעמד "ושכנתי בתוכם" להחזקת ביהמ"ד דקהל יטב לב ד'סאטמאר וועט פארקומען קומענדיגע מוצש"ק תצוה זכור

ושכנתי בתוכם – מסיבת מרעים להחזקת בית מדרשינו

מלוה מלכה וועט דינען אלץ מסיבת מרעים פאר אלע אנ"ש ובאי בית המדרש

מיט בלויז צוויי וואכן צו די וואלן, אריינטרעטנדיג אין חודש אדר:

## בלומינגראוו ווילעדש אדמיניסטראציע אויפגעשאקלט מיט פלוצים'דיגער טויט פון אמטירענדן טראסטי מולעיני

געשעצטע צוטרייסעלט דעם וואל קאמפיין און ליגט וואס אצינד איז נישט שייך צו ערזעצן זיין ארט מיט א פרישן קאנדידאט

מולעיני געווען א טראסטי זינט די ווילעדש איז סאוט בלומינגראוו איז געווארן געגרינדעט אין 2006 למספרם

אינהאלטרייכע זכרונות, אויפדעקונגען,

# אינטערוויו

מיט הרבני החסיד בנש"ק איש האשכולות

הרב **יואל וואגשאהל** שליט"א

דער סאמע ערשטער תושב פון בלומינגראוו

19

אין נאָכאַנאַנדן קייט פון אומאויפהערליכע אויפטוען "פון בלומינגראָוו פאַר בלומינגראָוו":

# אויפנאַמע פון היימישן באַגאַבטן "ליעזאָן" פון די אידישע געמיינדע אין בלומינגראָוו צו דער "סאַוט-בלומיגראָוו פייער דעפּאַרטמענט", ווייטגרייכענדע דורכברוך לטובת העיר

**גוטהאַרציגער בעל חסד, דינאַמישער עסקן, ר' יצחק בערנאַטה הי"ו, מיט לאַנגיאָריגע ערפארונג אין "פייער פייטינג", באַוויליגט צו פאַרטרעטן תושבי בלומינגראָוו ביי די דעפּאַרטמענט'ס אינסטאַנצן צו פאַרמיידן אומאַנגענעמליכקייטן און דינען אַלס פאַרמיטלער צו פאַרזיכערן בעסטע קאָמיוניקאַציע און פאַרבינדונגען לטובת הציבור בעז"ה**

**נאָך לאַנגע ריי פון באַקלאָגענישן איבער איבערגעטריבענע רעאַקציעס צו מינדערוויכטיגע געשענישן און סמאָוק-אַלאַרמס וואָס האָט דערקוטשעט היימישע משפחות, ווערט די סיטואַציע בעז"ה ענדליך געלעזט מיט אַ געטרייען פאָרשטייער אינעם דעפּאַרטמענט**

בלומינגראָוו. – די געטרייע ראשי העסקנים רוען נישט, און ווי א טאג מער באווייזט מען ב"ה נאך און נאך פאָרשריט און דורכברוכן לטובת הציבור. די היינטיגע וואָך קומט אַריין די פרישע פאזיטיווע נייעס, איבער די לעזונג וואס מ'האט ב"ה באוויזן צו ברענגען אין געביט פון איינשטעלן די נויטיגע באציאונגען מיט די לאקאלע פייער-דעפארטמענט, וואו אַ מאַנגעל אין קאמיוניקאציע האָט ליידער געברענגט ביז צום היינטיגן טאָג פיל עגמת נפש, און אַצינד הייבט זיך בעז"ה אָן אַ נייע עפּאכע.

מיט עטליכע וואָכן צוריק, ווען מיר האבן באריכטעט איבער דער קאנפערענץ פון אלע אגענטורן מיט דער יו.זשעי.סי., האָבן מיר דאַן דערמאַנט ווי ס'איז אויפגעברענגט געוואָרן די אישו וואָס פלאגט אונזערע איינוואוינער אנבאלאנגט די פייער-דעפארטמענט'ס איבערגעטריבענע רעאקציע צו מינדערוויכטיגע פאסירונגען.

דאס איז עפּעס וואס פלאגט שטארק אונזערע פאַמיליעס, אַז יעדן מאל ווען די פייער-לעשער ווערן אלארמירט, צי מיט אַ רוף צי אדאנק די פייפעריי פון א סמאָוק-דעטעקטאר, קומען זיי אָן אויף דער סצענע אויפגעריסטעט און קאמפס-גרייט ווי צו אַ 1-אלארם פייער אין אַ פופציג-שטאַקיגן בנין אין דער בראַנקס.

אַ מחנה ביז-צו-די-ציין 'באוואפענטע' פייער-לעשער שטורעמען אריין אין די דירה, און קערן איבער דאס הויז, דרייען איבער וואס ס'שטייט זיי פאר די אויגן, אלעס צוליב וואָס די געדינסטע צוויבל האָט זיך אַ טראָפּעלע צוגעברענט עס איז איבערשרעקנד, פאר די משפחה און די קינדער, ס'איז אומ'בא'טעמט, און ס'ברענגט נישט גאָרנישט, סיידן וואס זיי לאזן איבער יעדן מאל ווייאָלעישאָנס מיט א ברייט האנט.




און פילייכט איז דאס טאקע דער גאנצער ציל פונעם רעאגירן מיט אזא קראפט, כדי צו קענען אפירטרעפן ווי מער מכלומרש'טע פארלעצונגען און קענען אויסטיילן ווי מער ווייאָלעישאָנס. וויאזוי ס'זאל נישט זיין איז אזויפיל קלאר, אז "אונזער טובה" מיינען זיי זיכער נישט דערמיט.

שוין עטליכע מאנאנטן וואס די "יו.זשעי.סי." ארבעט זייער העפטיג און שתדל'ט ביי די אינסטאנצן, אז ס'זאל זיין א אידישער פארטרעטער וואס זאל זיך "פארשטיין" מיט די פייער דעפארטמענט, און בעיקר, ער זאָל האָבן אַ שפּראַך מיט'ן פייער שעף מר. דזשאן סאלקא, וואָס צו פארשטיין זיך מיט אים אויג אויף אויג דאַרף מען האָבן אַ באזונדערע פארשטאנד און מ'דארף ביי אים נושא חן זיין, אז ער זאל זיך שפירן באקוועם צו פארהאנדלען.

נאך לאנגע חדשים פרובירן פארשידענע פארשלאגן, וואס האט זיך למעשה נישט

אויפגעארבט, האט אויפגעבליצט פאר די עסקנים א געדאנק, אז פאר דעם וואלט דאך געווען אממערסטנס פּאסיג דער געטרייער עסקן נמרץ ואיש החסד, מוה"ר יצחק בערנאטה הי"ו, וועלכער איז שוין אקטיוו אין געביט פון באקעמפן פייערן פאר 30 יאָר, און ער איז טאקע פּערזענליך טרעניִרט געווארן דורכ'ן טשיף סאלקא מיט יאָרן צוריק אין דער בראָנקס.

ר' יצחק איז די אלע יארן געבליבן אין פריינטליכע טערמינען מיט'ן טשיף, און אין לויף פון די אלע יארן האָבן זיי זייער גוט געארבעט אינאיינעם. דער שעף רעספּעקטירט דעם עסקן פאר זיינע לייסטונגען און זיין פאַרשטאַנד צו א פייער דעפּארטמענט, ווי ער האָט מיט זיין ענערגיע און געטריישאפט אויפגעבויעט די "מצילי אש" און דעריבער איז ער געזען געווארן אלס דער פּאסיגסטער אויסוואל, צו דינען אלס אונזער פארטרעטער ביי די "סאוט בלומינגראוו" פייער דעפּארטמענט.

זיך ווענדנדיג צו ר' יצחק'ן מיט אונזער בקשה, האָט דער געטרייער בעל חסד מיט זיין גוט הארץ אונז נישט אפּגעזאגט, און טראָץ ער האָט ב"ה גענוג אויפ'ן קאפּ מיט אלע זיינע עסקנות לטובת הכלל און זיינע פּעולות פאר די לאקאלע מצילי אש, האט ער איינגעשטימט צו זיין דער "ליעזאָן" צווישן די בלומינגראוור אידישע געמיינדע און די לאקאלע פייער-קאמפּאני.

נאָכ'ן זיצן אויף עטליכע מיטינגען מיט ר' יצחק, און דאן עטליכע מיטינגען מיט'ן טשיף סאלקא, און נאָכ'ן עס אויפּברענגען ביי א צענטראלע "יו.זשעי.סי." מיטינג, האָבן אלע זייטן איינגעשטימט אז דאס וועט זיין דער פּאסיגסטער אויסוואל וואס נאר שייך לטובת הציבור.

דאן איז פארגעקומען א קאנפערענץ, וואו ס'האבן אנטיילגענומען אַלע זייטן, דאס טייטש, די יו.זשעי.סי. פּארשטייער, טשיף סאלקא, העסקן ר' יצחק בערנאטה הי"ו, און אויך האט מען געלאדענט דעם פּאליציי-שעף, כדי דאס זאל ווערן א געשעענער פּאַקט, רעגיסטרירט ביי יעדן, און נישט אז מארגן זאָל סאלקא זיך בארעכענען אַז ער איז נישט נייגעריג מיטצוארבעטן און לאזן די גאנצע זאך לויפן.

אַזוי האָט מען עס ווירקליך באויזן אָפּצושטימען און צו באַשטעטיגן, כתוב וחתום, אַז מהיום והלאה וועט ר' יצחק זיין דער אפיציעלער ליעזאָן, וואס וועט שטיין אין פארבינדונג מיט'ן גאנצן דעפּארטמענט, פונעם טשיף און אראפּ. ער וועט האָבן אַ דירעקט טשענעל סיי מיט די פייער דעפּארטמענט און סיי מיט די פּאָליציי, צו קענען קאארדענירן על כל צרה שלא תבוא.

אין די לעצטערע טעג האט דער געטרייער ליעזאן אָנגעהויבן ארומצוגיין איבער אלע גאסן און די בתי מדרשים אין בלומינגראוו, כדי אויסצוקוקענען יעדן דעטאל, און קענען בעז"ה אַרויסהעלפן אין פאַל פון סיי וועלכע פּאַסירונג אדער מיספארשטענדעניש. און תושבי עירנו ווערן טאקע געבעטן, אז אין פאל מ'האט סיי וועלכע אפּקומעניש מיט'ן פייער דעפּארטמענט, זאל מען זיך פאַרבינדן מיט'ן נייעם ליעזאָן, וועלכער וועט דאס אויפּברענגען און באַגלייטן, פּרובירנדיג יעדן ארויסצוהעלפן אויפ'ן בעסטן מעגליכן אופן.

דאָס האָט ווידעראמאל ארויסגעצייגט די רעזולטאטן פון "אמת'דיגע עסקנות", אויסגערעכענטע פארטרעטערשאַפט, סוף מעשה במחשבה תחילה, גאָרנישט ווערט נישט געטון געכאַפּט, נאר אלעס גייט צו פּלאנמעסיג, אויסגערעכנט, דורכגעטראַכט, מיט ערנסטקייט, כדי צו ברענגען די מאַקסימום רעזולטאַטן בעז"ה, קראנט און דויערהאפטיג, וואָס זאָל פאַרבלייבן פעסט, לטובת העיר.

זעלבסט פאַרשטענדליך, אַז ביי די קומענדיגע וואַלן וועלן מיר מיט א פאראייניגטן כח ארייננשטימען אַ סימפּאטישע אדמיניסטראַציע און פריינטליכע פאַרטרעטערשאַפט אין ווילעדזש-האָל, וועט אויטאמאטיש פארמאגן א גרעסערע אויטאריטעט און דער געטרייער ליעזאָן וועט קענען מיט סאך א גרעסערן און שטערקערן כח רעפּרעזענטירן דעם פולן אָפּיציעלן מאַנדאַט פון די מאַיאָריטעט בלומינגראָווער איינוואוינער, פאַר אונזער טובה.

**הושענא למען באי באש!**



# משכנכנס "שטימע" מרבין בשמחה

## אקטועלע באַטראַכטונגען און בליקן

אנדערש רוב מענטשן וואס קענען לייכטער "רעדן" ווי "שרייבן", איז ביי מיר פאַרקערט; אין שריפט בין איך באַקוועם, כ'באַזיץ אַ ניש'קשה'דיגן ברייטן וואקאבולאר, ס'שרייבט זיך מיר לייכט, אָבער ווען ס'קומט צו רעדן דאַן ווער איך ממש פאַרשטימט, ווי דאָס לשון וואָלט מיר אָפּגענומען געוואָרן...

איך וואוין טאקע אין בלומינגראוו, אבער ווייניג קענען מיך, ווייל כמעט וואס איך טויש נישט אויס קיין וואָרט מיט קיינעם. אין ביהמ"ד בין איך א שטילער יונגערמאַן. איך קום צום דאווענען און איך ווער אנטרינען. צי ס'איז אַ מעלה צי אַ חסרון בלייבט איבער צו דעבאַטירן, אָבער פאָרט בלייבט דער מציאות אַז דאָס איז מיין טבע, און ס'קוקט נישט אויס ווי ס'וועט זיך איבערנאַכט בייטן.

★ ★ ★

פאַרוואָס זאָג איך דאָס אייך?

ווייל ס'האָט מיר אַמאָל אַ מלמד מיינער געזאָגט, וועלנדיג מיר מחזק זיין כ'זאָל נישט געפאַלן ווערן אַז כ'בין נישט אַזוי מעורב בין הבריות אַדאַנק מיין צוריקגעצויגנקייט, האָט ער באַהויפּטעט ווי פאָלגענד: ווען אַ מענטש איז געשלאָגן אין איין טבע, דאַן איז אַ צווייטע קעגנזייטיגע טבע שטאַרקער. האָט ער מיר געזאָגט אַזוי: דיין כח הדיבור איז טאַקע מינימאַל, אָבער דאַקעגן איז דיין "כח השמיעה" און דאָס "קולט זיין" אַלעם אַרום און אַרום גאָר אויסגעשאַרפט. דאָס וועט דיר העלפן קונה זיין תורה און אידישקייט, און סיי בכלל אין אַלגעמיין.

טייערע רעדאַקציע, כ'וועל זיין אויפריכטיג, אַז דעמאָלט, שטייענדיג אַזוי האַלב-דערשראָקן ביים ווינקל פון דער קאָרידאָר אין ת"ת בנין "בית מרדכי" אין קרית יואל, בין איך גאַנץ סקעפּטיש געווען אין מיין מלמד'ס הנחה, פּונקט ווי כ'האָב געס'פּק'ט אין די וואָרהייט פון זיין אייסערונג אַז כ'וועל אים נאָך אַמאָל באַדאַנקען פאַר'ן מיך אויפפּאַטשן כראוי נאָך אַ פאַרהער — און דאָס איז גראַדע געווען אַ "געשריבענע בחינה", וואָס אין שריפט דארף איך דאָך לעולם יאָ גוט זיין...

אָבער ווי די יאָרן זענען געלאָפן, זאַכן האָבן זיך אַנטוויקלט, האַלט איך שוין כהיום אַז "עפּעס" איז דאָ דערינען, ויש דברים בגו. נישט אַז כ'באַרים זיך דאָ אַליין אין קעגנזאַץ צום יהללוך זר ולא פיך, נאָר כ'פאַרצייל אייך סך הכל אַז מיין מלמד איז גערעכט געווען...

★ ★ ★

זיצן אין אַ זייט געלייגט און מיט אַן אַנטשולדיגונג אויף דער אַביסל-לענגער-ווי-געראָכטענער הקדמה, לאָמיר צוקומען צום פּונקט וכלפּי מה דברים אמורים.

בתוך עמי אני יושבת. איך וואוין דאָהי, אין אונזער שטעטעלע בלומינגראָוו. איך נעם טאַקע נישט אַנטייל אין די צירקלען, אָבער אומבאַמערקט בין איך קולט אַסאַך. און לדעתי בין איך דער בעסטער מבין אויף דער סיטואציע ארום און ארום.

פארוואס?

ווייל איך באַזיץביידע קעגנזייטיגע אייגנשאַפטן; כ'בין סיי אַן "אינעווייניגסטער", ווייל כ'וואוין דאָך דאָ, כ'שפּיר, כ'זע, כ'הער, כ'דערשנאַפּ אַלעם וואָס שפּילט זיך אָפּ, און סיי כ'האָב אַ שטיקל "דרויסנדיגער בליק" אויף דער סיטואציע. וויבאַלד כ'בין נישט ממש אַ טייל פונעם טשולענט, ווי מ'רופט עס. כ'בין נישט באַאיינפלוסט פון רעדן מיט דעם צי יענעם, פאר די איין סיבה: ווייל כ'רעד פּשוט נישט...

ובכן געערטע רעדאַקטאָרן, גיט מיר'זשע די געלעגנהייט אייך צו זאָגן וואָס איך זע, באַריכטן וואָס כ'אָבזערוויר, דערציילן וואָס איך שפּיר, אַנאַליזירן דעם סך הכל און געבן אַ שטיקל פּערזענליכע אָפּשאַצונג און אַנאַליז אויף דער סיטואַציע.

★ ★ ★

מיין אָפּשאַצונג אין איין וואָרט איז ווי פאָלגענד:

**די בלומינגראוו פון יעצט, איז נישט די זעלבע בלומינגראוו ווי 8 וואָכן צוריק!**

וואָס האָט פּאַסירט דאַן מיט קאַרגע צוויי מאָנאַטן צוריק?

**די "שטימע" איז ערשינען!**

יאָ, קוקט מיך נישט אָן אַזוי פארוואונדערט. איר ווייסט עס לכאורה אליין נישט, אבער איך קען אייך זאגן קלאר, אלס געניטער אָבזערווירער, אַז דאָ איז צושטאַנד געקומען אַ טויש אין עפּאָכע וואָס איז ממש אומגלויבליך!

דאָ אין שטעטל האט אליץ געהערשט אן אחדות, אַ גוטע שטימונג. ברוך ה'. אָבער אין דער זעלבער צייט האט פארט גענעסטיגט עפּעס א שטיקל פארלוירנקייט אין דער לופט. אַ סאָרט אומזיכערהייט, אַ צעוואַסערטקייט פון "זה פונה לזיתו וזה לכרמו", בשעת יעדן באַדערט עפּעס אַנדערש אָבער קיינער נעמט נישט צונויף דאָס בילד.

יעדער פאר זיך איז געווען פיין און וואויל. אבער גלייכצייטיג האָט מען געהאַט פילע שאלות, ספיקות, עגבערנישן, אַרום די שטאָט וואָס מיר רופן היים, און קיינער האָט נישט געוואוסט צי ס'דא נאך איינער מיט די זעלבע זאָרגן און צי איינער טוט עפּעס דערצו. דאָ רודפ'ט מען מיט'ן שאָטעל, דארט פארשפּארט זיך דער איינציגסטער שאָרטקאָט וואס מ'דארף אזוי נויטיג. דאָ מוטשעט מען זיך מיט טראַנספּאָרטאַציע, דאָרט עגבערט די ווילעדזש'ס האַרטנעקיגקייט נישט צו דערלויבן עקסטענשאָנס, און אַזוי ווייטער.

עפּעס אַזאַ מצב רוח איז געווען אין שטאָט, און יעדער יחיד איז געווען דערפון צעטראָגן.

איינער הערט מיך בכלל? איינער פּלאנט דא עפּעס צו טון? גייט דאָס בלייבן אַזוי? כ'מוז זיך צוגעוואוינען צו צעלעכערטע שטראָזן און וואָלקן-הויכע שטייערן? בין איך טאַקע פאַרפליכטעט שלום צו

מאַכן מיט'ן מצב צו דאַוועגען אין א האלב-פּראוויזארישן שול פאַר די קומענדיגע צענדליגער יאָרן, אָדער גאָר בכלל פאַרבלייבן אָן אַן אייגענע ביהמ"ד פון מיין קהלה וואו כ'קען שעפּן אַביסל רוחניות'דיגע חיות?

אַזוי האָבן מענטשן זיך געמוטשעט מיט פּראבלעמען. משפּחות האָבן זיך דערקוטשעט די מחשבות מיט דאגות. בשעת יעדער מיינט, אַז מיט געוויסע זאַכן איז ער דער איינציגסטער נאָר אויפ'ן מאַרק וועמען די "קלייניגקייטן" באַדערט בכלל...

כ'וועל אייך געבן א קליינעם ביישפּיל: בעת איך צאָל גראַדע נישט אַזויפיל טייערער טעקס ווי אַנדערע, און "די אישו" איז מיר נישט אַזוי פּערזענליך נוג, האָט אָבער די סיטואציע מיט דאָס וואַסער מיך ממש געקרענקט! מיין פרוי האָט שוין געוואוסט, אַז באָדן די קינדער און וואַשן געשיר איז 2 זאַכן וואָס זי קען פון מיר נישט בעטן, ווייל ווי נאָר די קראַן האָט זיך אויפגעדרייט און די ברוינע פליסיגקייט האָט גענומען שטראָמען, האָט דאָס מיר געאיבלט ביז צו די קושקעס!

און געמיינט האָב איך, אַז בלויז איך דריי מיך אַרום מיט די דאגה, צוליב וואָס איך בין בטבע אַ שטאַרקער מפונק. (אין אַן אדר'דיגן נאָטיץ: כ'געב שוין צופיל דעטאלן ארויס פון מיינע טבעיות, אז באלד וועלן נאָך די לאָקאַלע פאָרשער האבן א גרינג פעלד צו אַנטדעקן מיין אידענטיטעט...)

אזוי ווייטער און ווייטער, דעם ערשטן האָט געבאַדערט די שולן, אַ צווייטן די רדיפות, און אַ דריטער האט זיך סתם אַזוי ארומגעדרייט צעטראָגן און אָן אַ קאָפּ, נישט אזוי ווייט פאַר די "אישום" ווי ווייט די עצם געדאַנק, אַז מ'ווערט דאָ געשטערט און בלאָקירט; ער האט זיך געצויגן דא קין בלומינגראוו כדי צו געניסן פון "הרחבה", און אָנקומענדיג דאָ וואו ער לייגט נאר א פוס ווערט מען סעקירט. גאָרנישט לאָזט מען נישט, אַחוץ צאָלן שטייערן. צו וואָס איז מען דאָ אַהינגעקומען בכלל? אפשר איז דאס גאר א מקח טעות געווען?!

הקיצור, מיט אלע מעלות אינאיינעם, האט דא "עפּעס" געפעלט. דאס שרייפּעלע וואס זאל 'צוזאַמנעמען די זאַך', אויפלעבן די גייסט, ערמוטיגן די איינוואוינער, אַז יעדער זאָל שפּירן ווי מ'גייט נישט בלייבן שטעקן. ס'גייט קומען אַן עתיד!

★ ★ ★

**א**ון דאַן, איז די "שטימע" ערשינען!

און בלומינגראוו איז געווארן בלומינגראוו!!

פלוצים האט דער עולם אנגעהויבן ארומזען אַז מ'איז גארנישט אליין אויפ'ן וואַסער. מ'איז א טייל פון אַ ציבור! מ'איז א חלק פון א גאנצע שטאט!

מ'האָט דאָ אָנגעהויבן אַנערקענען וואס "בלומינגראוו" באדייט בכלל!

עד הלום, האט א מענטש געקענט דאווענען אין זיין בעיסמענט-שול און קיין השגה האָבן אז דא שפּרודעלט זיך אַן עיר גדולה לאלקים! דאָ פלוצים האָט מען אנגעהויבן זיך 'כאפּן', הערן און זען ווי די שטאָט "לעבט אויף אלע באַקן"! ס'דא בתי מדרשים און שיעורים, מסיבות און סיומים, נסיעות און אסיפות, עסקנים און פּעולות, רבנים און דיונים; אפּנים, אַ פולשטענדיגע אידישע שטאָט!

נישט בלויז די גוטע חלקים וואס די "שטימע" האָט אָנגעהויבן אַנטדעקן, ווי דער געשעפטס-מאַן וואָס דרייט אַראָפּ שיכטן וואַטע צו צייגן דעם בליאַטשקענדן דיאַמאַנט, האָט אַריינגעבלאָזן אַ פריש ווינטל אין אַלע גלידער, נאָר אפילו די באַאומרואיגנדע טיילן האָבן אַצינד איינפאַך באַקומען די אייגענשאפט פון "צרת רבים" וואָס אויטאָמאַטיש איז שוין אַ "חצי נחמה" צושטאנדגעקומען...

**יאָ, מיר האבן פּראבלעמען, אבער מיר זענען נישט אליין דערין! יעדער מוטשעט זיך דערמיט. יעדן דערקוטשעט עס. און ס'דאָ ב"ה געטרייע עסקנים, איבערגעגעבענע פאַרטרעטער, אין די ראַמען פון אַ גוט-באַזירטע קערפּערשאַפט וועלכע זענען באַוואוסטזיניג דערוועגן און זיי באַפאַסן זיך דערמיט!**

יאָ, אויך פאַר דעם האָט יעדער געוואוסט "עפּעס" צו זאגן, אז מ'האט געגרינדעט א יו.זשעי.סי.; מיר האָבן דאָך געשטימט פאַר די רעפּרעזענטאַנטן. אָבער קיינער האט נישט קיין השגה געהאט, אז דא האט מען ווירקליך אנגעהויבן "נעמען זאַכן אין די האַנט אַריין"!

צום ביישפּיל, ווען איך בין איין וואָך אַהיימגעקומען נאָך די מקוה אין אַ פרייטאָג מיטאָג האַלטנדיג אין דער האַנט די פרישע "שטימע" — וואָס איז באַלד אַרויסגעכאַפּט געוואָרן דורך מיין געזונדל — הער איך פלוצים ווי יעדער לאַכט גוטמוטיג. "וואָס איז?" וויל איך פאַרשטיין. "טאַטי, קוק נאָר, זיי שרייבן דאָ פון די ברוינע וואַסער, מיט אַ פּיקטשער, און אונז האָמיר געמיינט אַז נאָר אונז האָמיר דעם פּראָבלעם", האט מיין 12 יאָריגער יונגל מיר געוויזן, מיט אַ זיגרייכער שמייכל אויסגעצויגן פון איין אויער צום צווייטן

די עיפּוש'דיגע וואַסער אָנשיקעניש האָט שוין נישט אַזוי געקימערט מיין ערוואַקסן יונגעלע, איינמאל אז ער האָט געוואוסט אַז דאָס איז אַ מכה אויף "גאַנץ בלומינגראָוו", און אַז "די עסקנים" ווייסן דערפון, מ'טוט דערין, ס'דא א פּלאַן דערויף, און מ'גייט עס אי"ה מסדר זיין, איינמאל ווען מיר וועלן — האָפענטליך — געווינען די וואַלן בעז"ה.

און דאָ, פונעם פּערספּעקטיוו פון מיין יונגעלע, האָב איך עס געזען באַשיינפּערליך: א פּראבלעם איז נאר אזוי לאנג פּראבלעם, ווען ס'איז פארנאכלעסיגט. קיינער טוט נישט. קיינער ווייסט נישט. יעדער דרייט זיך ארום ציען מיט די אַקסלען רעזיגינירט.

אָבער, אין דער רגע ס'איז צוזאַמגענומען, מ'איז באוואוסטזיניג, מ'ווייסט פון וואו מ'קומט און וואו מ'גייט, וואָס מ'וויל און וויאַזוי מ'פּלאנט צו דערגרייכן א לעזונג, דעמאָלט איז אַ נייע וועלט!

**ניין, די פּראָבלעמען ווערן נישט אויס פּראָבלעמען, אָבער די "מוט", דער מצב רוח, ווערט נישט אָנגעזויערט! מ'פּארלירט נישט די מוט!**

★ ★ ★

**ובכן, משנכנס ה"שטימע" מרבין בשמחה.**

אָט די "שטימע" האט צונויפגענומען די גאנצע שטאָט, און עס האט יעדן יחיד געגעבן א "שטימע"!

יעדער שפּירט זיך דאָ פארטרעטן, יעדער האט הנאה פון די הרחבת גבולי הקדושה אנטוויקלונגען, פון די עסקנים באמיאונגען, פון די נאכאנאנדע פאָרשריט.

כ'געדענק, ווען ס'די ערשטע וואָך ערשינען, האב איך געקלערט צו מיר: גייט דען זיין חומר יעדע וואָך? 'באשאפן' נייעס קען מען דאָך נישט, ס'מוז דאָך "זיין נייעס"... נו, וואָס קען שוין דען זיין וואָך נאָך וואָך? ס'איז אַ קליינע שטאָט, נישטאָ קיין ערדציטערנישן און קאָראָנעווירוס, ב"ה... איבער וואס וועט מען דען באַריכטן?

אָבער, ווי די וואָכן האָבן אָנגעהויבן לויפן, האט זיך ארויסגעשטעלט אז ס'שוין איינמאָל דאָ צו באַריכטן! יעדן פרייטאָג ווערן מיר פריש באגייסטערט, פריש איבערראַשט. פון 'שטימע' צו 'שטימע' ליינט מען און מ'ווערט געוואויר איבער פרישע דורכברוכן, פרישע באמיאונגען, פרישע אויפטוען, פרישע פאַזעס אין אָנגייענדע



אונטערנעמונגען. ס׳שפּרודעלט פון פרישקייט, פון ענערגיע, און ס׳גיסט אַריין מלא חיזוק! ס׳שטאַרקט און ערמוטיגט! דאָס אַליין אַז ״מ׳טוט״, איז שוין דער גרעסטער חיזוק!

★ ★ ★

ורוח נכון נתחדש בקרבינו!

איך בין טאקע נישט א טייל פון די שמועסן, מיין ״שטימע״ הערט זיך נישט אין די צירקלען, אבער איך זאג אייך, אלס זייטיגער צושויער, אַז די ״שטימונג״ האט זיך געטוישט, די ״גייסט״ האָט זיך געביטן, מקצה אל הקצה!

יעדער איז אפּטימיסטיש, יעדער איז פרייליך, יעדער איז אָנגעהויפּנט מיט מוט, יעדער איז מאָביליזירט, יעדער שפּירט זיך ווי אַ טייל פון אַן אָנגייענדע טראַנספאָרמאַציע, וואו יעדער יחיד איז אַ טייל פון א ריזיגן, מאַסיוון און ווייטגרייכנדן טויש וואָס גייט אי״ה צושטאַנד קומען — אַ טויש וואָס גייט יעדן יחיד, יעדע משפּחה, מאכן לייכטער, געשמאַקער און גרינגער דאָס לעבן. בגשמיות אַזוי ווי ברוחניות.

ס׳שפּירט זיך אין דער לופט ווי אַ גאלדענער עתיד קומט אונז אַנטקעגן. ס׳שמייכלט זיך שוין אין האַרץ, ווען מ׳מאָלט זיך אויס דעם צוקונפט.

אין אווארט: די ״שטימע״ האט צוזאמגענומען די שטאָט, אויפגעלעבט די גאנצע שטאָט, און דערפרייעט די שטאָט.

ס׳האָט אונז געמאַכט **צופרידן** מיט דעם פּלאַץ וואָס מיר האָבן אויסגעקליבן אַלס מקום מושב!

ס׳האָט אונז געמאַכט **מאָביליזירט** צו ווערלן ברענגען, צו ווערלן דורכפירן, דעם אַזוי-לאַנג געגאָרטן טויש!

ס׳האָט אונז געמאַכט **אָפּטימיסטיש**, אַז דער טויש צו וואָס מיר גאָרן איז בהישג יד, בכדי שיעשה, אויב זענען מיר צוזאַמען!

ס׳האָט אונז געמאַכט **גלייבן** אין די פּאָטענציאַלן וואָס אונזער שטאָט האָט, אויסצושטייגן אַלס פּראַכטפולע ערליכע געגענט, וואו אונזערע משפּחות לעבן אין האַרמאָניע און צופרידנהייט, און אונזערע קהלות וואַקסן און בליען, מיט פּראַכט און שטאָלץ, אָן קיין שטער בעז״ה!

★ ★ ★

איבער אַלעם האָט דאָס אונז געמאַכט **פרייליך** אַז מיר האָבן בעז״ה געטון דעם ריכטיגן שריט, אויסגעקליבן די פּאַסיגע וואוינאָרט, און אַ ערליכע צוקונפט וואַרט ביים שוועל פון טיר, גרייט אַריינצומאַרשירן, מיט פרייד און גליק, אָט נאָך אין דעם פרייליכן חודש אדר הבעל״ט!

וועט דאָס ווירקליך פּאַסירן?

אָט צו דעם וועט זיך פאָדערן אַן אַנדערע ״שטימע״.

די שטימע פון כל יחיד ויחיד, ביים וואַל-צינגל אינעם קריטישן עלעקשאָן-טאָג, בעוד שני שבועות, אין בלויז צוויי וואָכן פון יעצט!

און משנכנס ה׳שטימע׳, ווען אייער פּערזענליכע שטימע וועט אַריינגעלייגט ווערן אינעם שטים-קאַסטן, דאַן האָפן מיר, מיר קוקן אַרויס, מיר לעכצן, זאל טאקע זיין ווירקליך ״מרבין בשמחה״, מיט אַלע טייטשן, א גליקליכע פרייד פאר אונזער גאַנצע שטאָט!

יאָ, סאיז אייער ״שטימע״ האָט אונז צונויפגעברענגט, און ס׳איז אונזער אלעמענס ״שטימע״, מיט׳ן כח האחדות וואָס סימבאָליזירט אונזער שטאָט, וואָס וועט אי״ה ברענגען די ענדגילטיגע אויפרעכטונג פאַר אונזער שטאָט בלומינגראָוו!

**מיט אייער ״שטימע״ האָבן מיר אָנגעהויבן דעם אדר, און מיט אונזערע ״שטימען״ ווערלן מיר אי״ה ענדיגן דעם אדר!**

**די ״שמחה״ וועט אי״ה בלייבן אויפ׳ן גאַנצן יאָר!**

# סוקסעספולע מיטינג מיט "וואַשינגטאָנוויל סקול דיסטריקט" אין די ראמען פון אנגייענדע באמיאונגען צו שליכטן די פּראבלעמען מיט "קוואַליטי באָסעס"

## גאָר קריטישע אינפאָרמאַציע איבערגעגעבן:

## מיר קענען העכערן די באָסעס מיט 50 פּראצענט; אָבער יעדער מוז רעגיסטרירן די קינדער!

## רעגיסטראציע אויסשליסליך ביים סקול-דיסטריקט, בלויז ביז צום דעדליין!

וואשינגטאָנוויל. – א סוקסעספולע מיטנג איז אפּגעהאלטן געווארן אין די אפּיסעס פּונעם וואשינגטאנוויל סקול דיסטריקט, אלס טייל פּון די אנגייענדע עסקנות און באמיאונגען איינמאל פּאר אלעמאל צו שליכטן די פּראבלעמען מיט די קוואליטי באסעס און אראפּשטעלן א קראנטע לעזונג פּאר טראנספּארטאציע לטובת אונזערע קינדערלעך.

מטעם די יו.זשעי.סי. האבן זיך באטייליגט מוה"ר יצחק עקשטיין הי"ו, מוה"ר יואל שטערן הי"ו און העסקן מוה"ר שמעון עקשטיין הי"ו, פון ווירזישנע עוועניו, וועלכער איז אינסטרומענטאל אין אויסשטעלן די רוטס פאר די באָסעס און איז באהאוונט אין די נושא פון טראנספּארטאציע. וויבאַלד ר' שמעון העלפט אסאך ארויס אין די נושא פון קוואליטי באָסעס, האָט מען געלאָזט רופן צו די מיטינג, כדי צו העלפן ברענגען א לעזונג.

די ערשטע טעמע וואס מ'האט ארויפגעברענגט איז די פּראָבלעמען וואס זענען יעצט אנגייענד, און מיר האָבן איינגעמאלדן די סקול דיסטריקט פּאָרשטייער אַז מיר זוכן העפטיג א נייע באס קעמפּאני וואס זאל סערווירן די בלומינגראווער איינוואוינער.

די סקול-דיסטריקט אָנגעשטעלטע האָבן אויף דעם רעאגירט, אז זיי זענען אויך זייער נישט צופרידן פון דער קוואליטי פירמע, זינט דער באַגאַבטער אייגנטומער מר. מייק מערקודזשי האט פארלאזט די פירמע און פארקויפט די ביזנעס. פון דעמאלט און ווייטער איז עס ווי א שיף אן א רודער, און די קאמפּאני איז ארויס פון קאָנטראָל.

זיי האָבן אנגעצייגט א ביישפּיל, אז די פּאליציי רופט כסדר צום דיסטריקט זיך באקלאגן, אז די באסעס פארן ארום ווילד און ס'נישטא געהעריג צו וועמען צו רעדן דערוועגן. נאטירליך, רעדנדיג פון קליינע קינדער, איז דאָס זייער נישט פאראנטווארטליך, און ס'פאדערט שריט.

מ'האט דאן ארויפגעברענגט אויפ'ן טיש עטליכע אפּציעס וואס קען זיין אינטרעסאנט, סיי פאר'ן דיסטריקט און סיי פאר בלומינגראוו, בעת די עסקנים שטעלן קלאָר דערביי זייער דייטליך, אַז תושבי בלומינגראוו וועלן זיין די וואס באשליסן וועלכע קאמפּאני זאל צושטעלן די באסעס פאר אונזערע קינדער; א קאמפּאני וואס וועט זיך פארפליכטן מיטצוארבעטן מיט אונז, אויסהערן אונזערע פארלאנגען און צושטעלן די סערוויסעס פונקטליך און קראנט.

די באַאַמטע האבן דאס זייער סימפּאטיש דערהערט, און איינגעשטימט הונדערט פראצענט, אז זיי גייען ארבעטן אינאיינעם מיט יו.זשעי.סי. צו באשליסן ווער ס'זאל באקומען דעם 'ביד' פאר די באסעס.

## וויכטיגע אינפאָרמאַציע פאַר תושבי בלומינגראָוו ארויסגעברענגט

מ'האט אויך אויסגעשמועסט דעם פאַקט, אז נאָענט צו 50 פּראצענט זענען בכלל נישט רעגיסטרירט צו געניסן פון באסעס ביי די

סקול דיסטריקט. דאס איז א ריזן ציפער און דאס ברענגט צו אַז מ'האָט נישט גענוג פאנדן צו קענען דעקן די געברויך פאר אונזערע קינדער.

ס'איז געווארן אנגעצייגט, אז צום באדויערן איז פאריגן מאל געווען אַ צעפּאָרעניש ביי די וואס האבן צוזאמגענומען די רעגיסטראציע-פארומס פאריגן מאל, און א גרויסער פראצענט פון יענע רעגיסטראציע איז למעשה נישט אנגעקומען צום סקול דיסטריקט. אלס רעזולטאַט, קענען זיי נישט צושטעלן גענוג באָסעס. ווייל מ'קען נישט צושטעלן באסעס פאר "לופט"; ס'מוז זיין "קינדער" רעגיסטרירט פאר וועמען צו געבן "באָסעס"!

זיי האָבן אנגעוויזן און געבעטן, אַז יעדעס קינד פון 5 יאר און העכער מוז ווערן רעיסטרירט ביי די "סקול דיסטריקט" אליין, און נישט איבערגעבן פאר קיין שום קאמפאני! נאר געבן 'דירעקט' פאר די סקול דיסטריקט!

און מ'דארף עס קלאָר אונטערשטרייכן: נישט געבן קיין אפליקאציעס פאר באס דרייווערס, באס טיטשערס, און קיינעם אנדערש, אחוץ נאר בלויז עס צוריקשיקן צום אדרעס וואס שטייט אונטן פונעם פאָרום!

## מיר קענען העכערן דעם צאל באָסעס מיט 50 פראָצענט!!

די באַאמטע האָבן באטאנט, אז מיט דעם וואס יעדער וועט צוריקשיקן באצייטנס, וועט מען קענען העכערן דעם חשבון פון באסעס מיט באלד 50 פראצענט אדער מער!

דערמיט וועט מען מאַכן אז אונזערע קינדער זאלן דארפן פארן ווייניגער אויף די באָסעס גייענדיג און קומענדיג פון חדר און בית חינוך, וואָס איז א געוואלדיגע אויפטו, וואס די עלטערן קוקן דערויף ארויס.

גלייכצייטיג דארף ווערן ארויסגעברענגט, אז עס איז דא א שטיקל טעות אין דעם וואס מענטשן מיינען אַז די מינימום יארגאנג צו אפלייען פאר באסעס איז "5'טע קלאס". דאָס איז א גרייז. – פון די "5 יאָר און העכער" איז מען בארעכטיגט דערצו!

אויב אייער קינד וועט זיין עלטער פון 5 יאר אום דעצעמבער 1 2020 למספרם, קען מען שוין יעצט רעגיסטרירן, און טאקע שוין יעצט, ווייל די צייט לויפט אויס!

אינצווישן טוט דער באָורד אַרבעטן אומערמידליך צו פארהאנדלען מיט די פארשידענע קאמפאניס, און צו פארזיכערן אז די פירמע וואס וועט ענדגילטיג באקומען די ביד, זאל דער קאסט זיין ווי ווייניגער. דער ציל איז ס'זאל זיין קאָסטן פאר די עלטערן ממש ביז זעראָו, און מ'ארבעט אויף קעסל און כלים ס'זאל זיין די ווייניגסטע וואס מעגליך.

אבער, מ'דארף האבן די הילף פונעם ציבור, אז "יעדער" אן אויסנאם זאל רעגיסטרירן די קינדער! נאר אזוי וועט מען בעז"ה באוויזן צו באקומען די מאקסימום שטיצע פאר די ביליגסטע קאָסט וואָס מעגליך, און באַווייזן צופרידנשטעלן אלעמען אויפ'ן בעסטן מעגליכן אופן.

**נסע ונלך!**



United Jewish Community of Blooming Grove

Mailing address: PO Box 808 Monroe, NY 10949 • Hotline: 845-237-4828 • Email: Info@UJCofBloomingGrove.org

Isaac Eckstein
Board Chairman

Joel Stern
Board Representative

Robert S. Rosborough IV
Board Counsel

Joseph Weinberger
Finance / Fundraising

Abraham Weiss
Chaim Gluck
David Krausz
Hershel Lowy
Mordche Holtzer
Moshe Halpern
Shia Bitman
Board members

בס"ד

# אכטונג!

גרייטנדיג צום די היסטארישע עלעקשאנס, טוען מיר וויכטיג איינמעלדן
דעם ציבור, אויב, וועט איר, אייער ב"ב, קינדער אדער סיי ווער רעגיסטרירט
צו שטימען אויף אייער אדרעס, און וועט

**נישט קענען זיין דא אין בלומינגראוו**

## מיטוואך ויקהל פקודי
## כ"ב אדר הבעל"ט
## March 18, 2020 ולמספרם
**פון 12:00 מיטאג ביז 9:00 ביינאכט**

אויב איז געפלאנט א וואקאציע, אדער צו פארן
קיין ליזענסק ביומא דהילולא קדישא וכדומה

## דארף מען אויספילן א אפליקאציע
## פאר א עבסענטי בעלאט

**די דעדליין פאר עבסענטי איז שושן פורים הבעל"ט**

רופט ביטע שוין אצינד

CALL / TEXT **845-237-4828**

אדער שיקט א אי-מעיל צו:
**Info@UJCofBloomingGrove.org**

איר ברויכט גארנישט טון, די עסקנים וועלן אייך באגלייטן
מיטן צושטעלן די אפליקאציע, און מיטן בעלאט בעזהשי"ת

בכבוד רב
**United Jewish Community of Blooming Grove**

# עבסענטי בעלאט דרייוו

יגדיל תורה ויאדיר:

# אימפאזאנטער "מסיבת סיום וכינוס אנ"ש" דורך התאחדות אברכים דק"ק יטב לב ד'סאטמאר תושבי בלומינגראוו ברענגט אַרויס פּרעכטיגן כבוד התורה

**צענטראַלע דרשת חיזוק פון הגה"צ רבי אלעזר טייטלבוים שליט"א, חדב"ן כ"ק מרן אדמו"ר מסאטמאר שליט"א, לאָזט איבער גייסטרייכן רושם אויף אַלע פארזאמלטע און באַנייטע התחזקות פאר לימוד התורה און זיך צו דערהאַלטן אינאיינעם בשבת אחים**

בלומינגראוו. – א גאר הערליכע מאורע לכבודה של תורה איז פארגעקומען דעם פארלאפענעם מוצש"ק משפטים-שקלים, ווען א ריזן ציבור איז זיך צונויפגעקומען צום "מסיבת סיום מסכת סנהדרין" שע"י חבורת זכרו קאמבאנירט מיט'ן "כינוס אנ"ש" שע"י התאחדות אברכים דקהל יטב לב ד'סאטמאר בלומינגראָוו, וואס האט טאקע געדינט א דאפעלטן ציל, סיי ארויסגעהויבן א פרעכטיגן כבוד התורה און סיי געשאָנקען אַ חיזוק עצום פאר כל קהלא קדישא הדין.

דער לימוד "זכרו" איז דאך שוין היינט וועלט-בארימט, און וואו נאר ס'דא א קבוצה פון אנ"ש תלמידי וחסידי סאטמאר פארמירט זיך אַ חבורת זכרו, וואו מ'לערנט אינאיינעם אין דעם באשטימטן סדר, באַגלייט פון די בחינות ותשלומין אא"וו. דאָהי אין בלומינגראוו איז נישט אַנדערש, און מדי לילה בלילה קומט פאָר אין ביהמ"ד זמיגראַד א חבורה פון א מנין אברכים וואס זענען זיך משתתף ביים שיעור אין "זכרו", מיט א פעסטן קביעות.

דער שיעור וועט פאָרגעלערנט בטוב טעם ודעת דורך האי מורה ודאין הרה"ג ר' יואל זוסמאן ראזענצווייג שליט"א, ובנוסף לזה זענען דא נאך פילע אנ"ש וואס לערנען פריוואט פאר זיך די לימוד החבורה, צי מיט חברותות, צי דורכ'ן אויסהערן שיעורים אויפ'ן טעלעפאָן צו אַליין פאַר זיך, יעדער איינער באופן שלבו חפץ בה, והצד השוה שבהם אַז יעדער ליגט דערין מיט א געוואלדיגן קביעות, קונה צו זיין די דפים גמרא מיט א קנין עולם.

דעריבער, צו דער געלעגנהייט פון מסיים זיין מסכת סנהדרין און שפאנען ווייטער פאָראויס צו מסכת מכות, איז באַשלאָסן געוואָרן אפצורעכטן אַ הערליכער מעמד לכבודה של תורה, און דערביי אויך צוזאמצונעמען כל קהלא קדישא הדין, לחזק ולהתחזק.

צו דער באשטימטער שעה מוצש"ק איז דער ציבור זיך צונויפגעקומען, ווערנדיג אַנטפאַנגען פון אַ פּראכטפולע סעודה, לכבוד התורה ולכבוד סעודתא דדוד מלכא משיחא, סערווירט ביד רחבה וברוח נדיבה דורך די געטרייע עסקני הקהלה, וואס האבן באמת צוגעשטעלט א באַגריסנווירדיגע אַרבעט, אוועקגעבנדיג אסאך שעה'ן אלעס אהערצושטעלן, שלא על מנת לקבל פּרס, ותשואות חן חן להם.

אַלס יושב ראש האָט געדינט האברך היקר, איש האשכולות וידיד נפש כל חי, עושה ומעשה בלב ובנפש חפיצה, מוה"ר יצחק אלחנן פעלדמאן הי"ו, וועלכער האָט מיט זיין לשון לימודים און אנגענעמער שפּראַך איינגעפעדימט און אָנגעפירט דעם מעמד מיט אַ געשמאַק און א חן צו דער הנאה פון אַלע משתתפים.

דער יושב ראש האָט מיט כבוד התורה אַרויפגערופן דעם חשוב'ן דיין ומגיד שיעור שליט"א, וועלכער האט געזאגט א הערליכע דרשה, מלא וגדוש, מיט ווארעמע דברי חיזוק פאר בעלי בתים ואברכים וועלכע הארעווען על המחי' ועל הכלכלה, אָבער זענען קובע עתים לתורה יעדע נאכט, מיט אַזאַ געוואַלדיגן קביעות, וואָס רופט באמת ארויס אַ קידוש ה', און דאס איבערצייגט אז יעדער איינער קען דערצו




הגה"צ רבי אלעזר שליט"א טרעט אויף מיט'ן משא המעמד

אָנקומען מיט'ן ריכטיגן רצון בעז"ה.

דערנאך האָט מען דערנאך צוגעטרעטן מיט גרויס התרגשות צום סיום דורכ'ן מגי"ש ומו"ץ שליט"א, ווען אלע גליקליכע מסיימים שעפשען מיט אינאיינעם, און מיט קדיש איז נתכבד געוואָרן דער חשוב'ער סגן ראה"ק דקהל יטב לב ד'סאטמאר, הנגיד המרומם, בונה ומקים עולמות של תורה, הרה"ח ר' אברהם בער יאקאבאוויטש הי"ו, וועלכער האט בטוב לבו מנדב געווען די הערליכע סעודה לכבודה של תורה.

מיט "התחלת המסכתא" איז נתכבד געווארן איינער פון די חשובע קביעות'דיגע משתתפי השיעור, הר"ר יעקב אלימלך אייזענבערג הי"ו, וועלכער האט דערנאך מיט קורצע און טרעפליכע ווערטער ארויסגעהויבן דעם "דבר החבורה", זאגנדיג פון אייגענע ערפאַרונג, וויאַזוי ס'גארנישט אזא שווערע זאך ווי מ'מיינט! מ'דאַרף זיך נאר קובע זיין מיט אַן ערנסטקייט און דער רבוש"ע העלפט, אז מ'איז זוכה צו אזא יומא טבא לרבנן, לשוש ולשמוח בשמחת התורה.

נאָכ'ן סיום והתחלה, האָט דער גאנצער ציבור זיך געגעבן א שטעל אויף אינאיינעם, און ספאנטאן ארויסגעבראָכן אין אַ געזאנג "ברוך הוא אלקינו", "יהא רעוא קדמך", מיט אַזאַ שמחה עילאה והתרגשות, שאפנדיג אזא הערליך בילד ווי אַזאַ ציבור אידן ווערן צונויפגענומען אינאיינעם כאיש אחד ובלב אחד מיט'ן כח התורה און מיט'ן שמחת התורה.

נאָכ'ן טאַנץ איז געקומען דער "קלימאַקס" פונעם מעמד, ווען ס'האָט אויפגעטרעטן מיט'ן "משא המעמד" כבוד הגה"צ רבי אלעזר טייטלבוים שליט"א, חדב"נ כ"ק מרן אדמו"ר מסאטמאר שליט"א וואָס על אנ"ש בלומינגראוו הדרתו. בתוך דבריו האָט ער שטאַרק ארויסגעברענגט דברי חיזוק ללימוד התורה און אַז דער "עיקר" פונעם סיום איז אז דער עולם זאל אָפּגעבן כבוד התורה פאַר די מסיימים, און גלייכצייטיג זאל דאס צוברענגען פרישע "מתחילים" וקנאת סופרים תרבה חכמה.

ווי אויך האט הגה"צ רבי אלעזר שליט"א שטארק ארויסגעהויבן בשבח המקום פון די חשוב'ע יונגעלייט תושבי העיר, כולם אהובים כולם ברורים, קובעי עתים לתורה, יעדער האט א געפיל פאר תורה, א געפיל פאר ערנסטקייט און צו פירן בתים נאמנים בישראל על דרך רבותינו הקדושים, און ס'איז באמת א נחת צו זען אַזאַ קיבוץ חשוב וואס האלט זיך אינאיינעם שבת אחים גם יחד, און דאס גיט דעם גרעסטן חיזוק צו גיין ווייטער בעז"ה.

דאַן האָט ער זיך באַצויגן צו דעם געוואלדיגן כח פון "התאחדות", אז מ'האלט זיך צוזאמען, כאיש אחד ובלב אחד. באַטאנענדיג אַז מ'האלט אצינד אינמיטן בויען א ביהמ"ד, מ'האפט אויפצובויען א בית גדול רם ונשא לה' ולתורתו, אָבער ס'דא שוועריקייטן וואס מ'האפט אז מ'וועט קענען בקרוב אויסגלייזט ווערן פון די פראבלעמען, "תורה מגינא ומצלי", מיט'ן כח התורה וועט מען זיכער באַשיצט ווערן, אז לא ירעו ולא ישחיתו בכל הר קדשי, און מיט'ן פאראייניגטן כח פון אחדות, שלום ושלוה, וועט מען אי"ה אויפטון גדולות ונצורות.

דער עולם האט זייער הנאה געהאט פון די דרשה און ארויסגעשעפט א שטארקע התחזקות, ללמוד וללמד לשמור ולעשות, ולהגביר פעלים לתורה ולתעודה.

דערנאך האט מען געהערט גאר א אינהאלטסרייכע שיעור דורך דעם בארימטן מגיד וידען נפלא, הרה"ג ר' שרגא פאפלאנאש שליט"א, איבער די נושא פון "טעכנאלאגיע בלימוד התורה", גיסנדיג מיט שטוינענדע ידיעות, וואס דער עולם האָט געשלונגען מיט דאָרשט.

באַזונדער האט ער נאכגעזאגט הפלא'דיגע ענינים איבער דאס חשיבות פון א "שיעור ברבים" וואס איז נאך פיל חשוב'ער ווי לערנען תורה אַליין, באַגלייט פון אינטערעסאַנטע סיפורים און פערלדיגע געדאנקען מפי ספרים וסופרים, וואס האָט דערקוויקט דעם גאַנצן ציבור פאַר אַ לענגערע צייט, נישט שפירנדיג ווי די זייגער רוקט זיך אויף פאָראויס שפעט אינדערנאַכט אריין...

עס איז שוין געווען בערך 1:30 במוצאי מנוחה, ווען מ'האט געבענטשט, און דער עולם האט זיך איינפאַך נישט געקענט אויפשטעלן פון די בענקלעך, נישט וועלנדיג זיך אפרייסן פון די זעלטענע הערליכע מינוטן, צונויפברענגענדיג דעם גאַנצן ציבור צום ערשטן מאל אויף אזא הערליכן אופן, אַרויסברענגענדיג צום אויבערפלאַך די שיינקייט פון דעם קיבוץ אנ"ש דקהל יטב לב ד'סאטמאר דאָ בקרב עירנו בלומינגראָוו יצ"ו.

מיט אַ קורצן טאַנץ האָט דער עולם זיך צעשיידט, מיט געהויבענע געמיטער, מלא התחזקות, מלא התרוממות הנפש, אנגעזאפט מיט תענוג רוחני און שמחת התורה, סיי פאר די לומדי זכרו וואָס האָבן מסיים געווען, סיי פאר די פריש-אָנגעשלאָסענע לומדים וואס האָבן אנגעהויבן מסכת מכות מיט א פרישקייט, און סיי פאר כל הקהל הקודש הזה, זיך צו דערהאַלטן ווייטער אינאיינעם ולהגדיל תורה ולהאדירה.

**ובכן מה נהדר הי'!**



**שישו ושמחו בשמחת תורה: די פרייליכע ריקודין נאכ'ן הדרן וסיום מסכתא**





# דאס ווארט פון אונזערע געטרייע פארטרעטער

2

אינהאלטסרייכע שמועסן און גריסן מיט די טייערע שלוחי דרחמנא ושלוחי דידן, די איבערגעגעבענע 'באורד מעמבער', וועלכע שטייען גרייט צו העלפן, צו פארטרעטן און צו באגלייטן אונז אלע, יעדן בלומינגראָווער איינוואוינער, בכל עת מצוא

שמועס מיט האי איש כשרון וכביר המעש, ידיד נפש כל חי

## הרה"ח ר' חיים גליק הי"ו

אקטיווער באורד מעמבער אינערהאלב "יו.דזשעי. סי."

און רעדאקטאר מיטגליד פון דער 'בלומינגראוו שטימע'

### פארזעצונג פון פארגאנגענע וואך

**אצינד ר' חיים, לאמיר צוגיין צו די אקטועלע השתלשלות הענינים, וויאזוי איז צושטאנד געקומען דער רעיון און עס ווען איז פאקטיש געגרינדעט געווארן דער פאראיין פון דער "יו.דזשעי. סי." ביי אונז אין דער געגנט ?**

פונקט לעצטנס האט מיר אַן היזיגער איינוואוינער געזאגט מיט א שמייכל אז ווען מען האט דאס ערשטע מאל אנאנסירט איבער דעם ניי -געגרונדעטן קאמיטע, האט ער דאס אנגעקוקט ווי נאך א דורכלויפענדע ארגאניזאציע, א שטייגער ווי "עס וועט זיין א טישל א גאנצע וואך און דער עולם זאל זיך ווארעם אנרופן...", למעשה - זאגט מיר דער איד - לאזט זיך באמת נישט גלייבן די סייעתא דשמיא וויאזוי די באורד האט אזוי מצליח געווען אלס א מציאות של קיימא למעלה מן המשוער, השי"ת זאל אודאי העלפן ווייטער.

אצינד צוריק צו די פראגע. האמת ניתן להאמר, אז כדי צו פארשטיין "וויאזוי" דער באורד איז געגרינדעט געווארן און וואס עס ליגט אלץ אונטער דעם, דארף מען צוערשט פארשטיין "פארוואס" דער באורד איז געגרינדעט געווארן, און "וואס" איז טאקע געווען דער ברענענדיגער צורך, "וואס" האט באוואויגן צו דורכפירן אזא שווערן און קאמפליצירטן פראיעקט פון צונויף שטעלן א פאראייניגטע באורד פאר תושבי העיר.

לאמיר אלזא צוריק מישן דאס בלעטל מיט עטליכע יאר.

מען דארף פאר קיינעם נישט דערציילן וואס אידן אין אונזער געגענט זענען אריבערגעגאנגען זינט צוויי יאר צוריק, ווען עס איז אריינגעוועלט געווארן די יעצטיגע אדמיניסטראציע אינעם ווילעדזש אפיס, וועלכע האבן פון די ערשטע מינוט אנגעהויבן אויסטיילן ציפקע צרות פאר'ן יחיד און פאר'ן רבים, אויף א פארנעם וואס מען הערט נישט אין קיין שום אנדערע אידישע געגנט.

מיר שטייען אין אזא מצב ווען "צרות אחרונות משכחת את האחרונות", מען קען אפילו נישט האלטן קאפ וואס פארא סארט גזירות דא איז שוין אלץ ארויפגעקומען חדשים לבקרים: בתי מדרשים זענען בפועל אפגעשפארט געווארן עד היום הזה; מען לאזט נישט בויען קיין נייע בתי מדרשים און מקוואות; קיין איין עקזיסטירנדע ביהמ"ד -אפילו די וואס זענען יא אפן - זענען אבער לעגאל נישט קיין שול; מען האט פארהאקט דעם שאטל; מען העכערט טעקס פאר אידישע הויז אייגנטומער, און אפילו אזעלכע קליינינגקייטן ווי שטערן מחיצות אויף סווימינג פולס; אפהאלטן די גדר פאר'ן עירוב; נישט שענקן קיין פערמיטן צו ארויסבויען הייזער, א.א.וו. אין א געוויסן זין איז מען שוין ממש "עמיונד", מען איז צוגעוואוינט צו כאפן און ווערן בא'עולה'ט אויף טריט און שריט.

במשך די גאנצע צייט האט יעדער געשפירט אז דא דארף עפעס געטוהן ווערן, מען קען דאך נישט לאזן אז אידישע אינטערעסן זאלן אזוי בייזוויליג ווערן גע'רודפ'ט.

**אויב אזוי פארוואס האט עס טאקע געדויערט ביז לעצטנס אז אזא קריטישע וויכטיגע פאראייניגטע קאמיטע זאל פארמירט ווערן ?**

אייגנטליך איז שוין פאראיאר, אין די ווינטער חדשים, ארויפגעברענגט געווארן די הצעה דורך עטליכע חשוב'ע עסקני העיר, וועלכע זענען כהיום אויך אקטיוו אין די פעולות פונעם באורד, וועלכע האבן פארגעשלאגן דעם פלאן צו גרינדן א קאמיטע וואס זאל העלפן די היזיגע איינוואוינער. מען האט אפילו ארויסגעלייגט א צעטל מיט'ן אונטערשריפט פון "וועד העסקנים" פרובירנדיג צוזאמענצונעמען דעם ציבור אויף איין פעידזש.

אבער מען האט זיך דעמאלט איבערצייגט אז דאס איז כמעט אן אוממעגליכע אונטערנעמונג, ווייל ס'איז שטענדיג געווען די שאלה "ווער" און "וויאזוי" קען מען דאס מאכן ארבעטן. ווער זאל זיין דער מענטש וואס קען דאס דורכפירן, און וואס זאל זיין דער 'מרוצה לקהל' צו פאראייניגן אלע סארט איינוואוינער. מענטשן האבן אפילו אפן געפרעגט פון די עסקנים: "מי שמך לאיש", ווער זענט איר צו מחליט זיין פאר'ן ציבור, דהיינו ווער גיט דעם ערשטן כוח פארן ערשטן עסקן צו מאכן א באורד א.א.וו.

דאס האט אזוי אנגעהאלטן ביז פאראיאר זומער תשע"ט. דעמאלט האט זיך אפגעשפילט די פרישע פרשה מיטן אויסטיילן ווייאלעישאנס פארן מאכן מחיצות ארום די סווימינג פולס, וואס איז ווידערמאל געווען א דערמאנונג פאר'ן ציבור וואס פארא רדיפות מען גייט דא אריבער, און ס'איז באו מים עד נפש, עפעס דראסטיש דארף געטון ווערן.

דעמאלט האבן זיך אנגעהויבן פארמירן קבוצות און גרופעס וועלכע האבן יעדער איינער אנגעהויבן צו ארבעטן אויף פארשידענע פראנטן, זה בכה וזה בכה, ווען נישט יעדער איז דא געווען בלויז פאר אונזער טובה, טייל פון זיי האבן דערביי אויך געהאט אייגענע פערזענליכע אינטערעסן וואס זיי האבן געוואלט דורכשטופן פאר זייערע בענעפיטן בעתיד.

ביי דער געלעגנהייט דארף מען טאקע דערמאנען לשבח אונזערע היימישע עסקנים חשובים, מחשובי תושבי עירנו, וועלכע האבן שוין בשעתו, מיט צוויי יאר צוריק, ביי די פארלאפענע וואלן, אנגעהויבן דעם כח העסקנות דא אין שטעטל. די דאזיגע אידן האבן דעמאלט אינוועסטירט ממש מסירת נפש מיט'ן גאנצן הארץ און געפיל לשם שמים, צו העלפן דעם עתיד פון דעם געגנט. און מען קען רואיג זאגן אז זייער הארעוואניע בשעתו האט בלי ספק נגעזייט די ריכטיגע קערנדלעך און ווארצלען פון וואס מיר געניסן היינט צוטאגס.

אט די היימישע עסקנים פון די חשובע איינוואוינער אין בלומינגגראוו האבן אויסגעטרעטן דעם וועג פון שתדלנות, אזוי אז כהיום קען מען שוין בויען אויף די דעמאלטיגע אנטוויקלונגען און מען ווייסט שוין וויאזוי צו האנדלען, אדאנק יענע ארבעט וואס איז געווען דער יסוד פון עסקנות און שתדלנות פאר'ן געגנט לדורות עולם.

נחזור לענינינו, שטייענדיג פאראיאר זומער, האט יעדער געוואוסט אז עפעס דארף געטון ווערן, און מען האט אויך זיך שוין געלערנט פון די פארגאנגענע וואלן אז מען דארף אנהויבן ארבעטן געננוג פרי, צו רעגיסטרירן פרישע ווילער און איינשפאנען דעם ציבור זיך צו אנשליסן פאר'ן כח הרבים.

אבער אזוי ווי עס איז דערווייל נישט צושטאנד געקומען א פאראייניגטע באורד, האבן זיך אנשטאט צונויף גענומען פארשידענע קבוצות און גרופעס, יעדער מיט אנדערע אינטערעסן און מיסיעס, אבער דער צד השוה דערפון איז געווען אז עס האט באדייטענד געפעלט די נויטיגע הארמאניע און קאמיוניקאציע צווישן די אלע עסקנים.

ס'איז אנגעקומען צו א שטאפל אז קיינער האט

פשוט נישט געוואוסט וואס דער צווייטער וויל און יעדער האט געמאכט "שבת פאר זיך", דורך פארהאנדלען מיט'ן מעיאר און די באהערדע. די ווילעדזש באאמטע האבן פארשטענדליך געקוואלן פון דעם צושטאנד און האבן זיך דערזען פאר א געוואלדיגע געלעגנהייט ווען זיי קענען ווייטער ארומפירן דעם ציבור און מישן דעם שיסל ווי זייער שטייגער די גאנצע צייט, דורך צוזאגן הבטחות פאר יעדן אנדערש און אנצייגן אויף פרישע פיינט און פריינד יעדע עטליכע טעג.

## וואס איז געווען דער ענדגילטיגער "פאנטש ליין", דער שטויס קראפט, וואס האט פאקטיש געברענגט די ענטשטייאונג פון דעם פאראייניגטן קאמיטע ?

דער הויכפונקט פון דעם צעמישעניש וואס האט אמבעסטן קלארגעשטעלט ווי וויכטיג ס'איז צו האבן אן אייגענע פאראייניגטע כח איז אבער געווען ווען אינמיטן זומער, זונטאג פרשת חקת נאכמיטאג, ולמספרם 7/7/2019, איז פארופן געווארן א גרויסע אסיפה, אינדרויסן פון בלומינגראוו.

צו דער דאזיגער אסיפה זענען גערופן געווארן עסקנים פון בלומינגגראוו אויך זענען געווען אנוועזנד נאך א צאל אידן וועלכע האבן זיך געהאט זייערע אייגענע אינטערעסן לטובתם, אבער זיי האבן געהאפט צו בעניפטירן פון תושבי בלומינגראוו וואס זאלן ארויסהעלפן זייערע פריוואטע אגענדעס ביי די קומענדיגע וואלן.

עס האבן דארט אויפגעטרעטן מענטשן וועלכע וואוינען נישט דא אין בלומינגגראוו, און וועלכע האבן בפירוש נישט די זעלבע זארגן און אינטערעסן פון די היזיגע איינוואוינער, אבער אפיציעל איז געגאנגען דער ניגון אז זיי פארשטיין גוט וויאזוי צו פארמירן א קאמיטע, נאכדעם וואס מ'האט געזעהן אז דער ציבור קלויבט זיך זייער שווער צוזאם און מ'קען זיך נישט אליינס פאראייניגן, דעריבער האבן זיי פארגעשלאגן צו גרינדן א באורד וואס וועט עווענטועל העלפן וויאזוי צו באקומען א זיג ביי די עלעקשאנס.

די אסיפה איז געשלאסן געווארן מיט א פארנעפלטע וויזיע, מען האט זיך אויסגעטוישט אינפארמאציע, אבער די היזיגע איינוואוינער האבן באלד געקלערט אז דאס איז נישט ממש וואס מיר זוכן. כ'געדענק אז איך, מיט נאך תושבים וועלכע זענען דעמאלט דארט געווען, צווישן זיי הר"ר יצחק עקשטיין הי"ו און אנדערע חשוב'ע עסקנים, זענען אוועקגעגאנגען מיט מער קשיות ווי תירוצים.

די ארגאניזירער פון דעם אסיפה האבן געמאלדן אז יעדע צוויי וואכן וועט מען זיך טרעפן און זיך צונויף קומען, מיט'ן פלאן אז ענדע זומער זאל מען דארט אראפרופן דעם גאנצן בלומינגראווער ציבור און זיי איינמעלדן אז דא איז אויפגעשטעלט געווארן א קאמיטע דורך די אנפירער פון די אסיפה, וואס וועט אנגעבליך זיך באפאסן פאר די אינטערעסן פון בלומינגראוו.

נאטורליך האט דאס באדייט אז דאס לעצטע ווארט אין אלע באשלוסן, און די גאנצע "פּאָקאוס" פון דעם באורד, וועט געפירט ווערן דורך מענטשן וועלכע וואוינען נישט דא נאר האבן דא פארשידענע פינאנציעלע און ביזנעס מעגליכקייטן אינטערעסן, אפגערעדט אז די היזיגע איינוואוינער ווילן נישט האבן צופיל השפעה אדער איינפלוס אויף די באשלוסן און החלטות פון דעם באורד, וואס איז אפיציעל פארמירט געווארן אלס אונזערע פארטרעטער.

WHITEMAN
OSTERMAN
& HANNA LLP

Attorneys at Law
www.woh.com

One Commerce Plaza
Albany, New York 12260
518.487.7600 phone
518.487.7777 fax

Robert S. Rosborough IV
Partner
518.487.7608 phone
rrosborough@woh.com

August 1, 2019

**VIA EMAIL**

Village of South Blooming Grove Board of Trustees
811 Route 208
Monroe, New York 10950

**Re: Village of South Blooming Grove Fence Law**

Dear Mayor LoFranco and Village Trustees:

My firm has been retained to represent a group of Hasidic residents in the Village of South Blooming Grove with respect the Village's discriminatory enforcement of Section 235-17 (C) of the Village's Zoning Code (the "Fence Law"). It has come to our attention that the Village has been selectively enforcing the Fence Law against residents of the Hasidic Jewish faith, which has placed a substantial burden on these residents' free exercise of religion. These discriminatory practices must cease, or my clients will be forced to seek to vindicate their rights against the Village in federal court.

As just one example of many, pursuant to Jewish Law, one must dress modestly with clothing covering the body including the upper arms and upper legs. A copy of a Rabbinical Court opinion to that effect is enclosed for your review. It is permissible, however, to wear more revealing clothing while swimming for bathing. The Hasidic Jewish faith only permits swimming with the same gender and only when there is a sufficient barrier around the pool area so that the people swimming are not in view of those out of the pool area. Therefore, swimming can only occur where the pool is surrounded by a solid partition, unless it is an emergency situation.

The Village's Fence Law, as written and discriminatorily enforced, substantially burdens the religious exercise of the Hasidic residents of the Village because it is insufficient to satisfy the needs of their religious mandates. The height limitation for fences in particular does not provide adequate barriers to view from outside of a pool area, and serves no rational, legitimate municipal interest beyond invading the residents' privacy in their rear yards.

In light of my representation of the Hasidic residents in the Village on these issues, I expect that each time the Village issues a notice of violation related to the Fence Law or otherwise seeks to enforce its provisions, you will provide me with a copy of the enforcement papers, whether pursuant to FOIL or otherwise. Thank you.

Very truly yours,

Robert S. Rosborough IV

cc: Jeanne Ovensen, Town of Blooming Grove Building Inspector

**די בריו צום ווילעדזש פארגאנגענעם זומער איבער די 'פענסינג געזעץ' וואס האט געשטערט די מחיצות ביי סווימינג פולס**

מערערע עסקנים פון די תושבי העיר האבן גלייך אבזערווירט אז דאס איז נישט קיין טובה פאר בלומינגראוו אז מענטשן פון אינדרויסן זאלן דא פירן דאס רעדל. ס'איז באלד ארויפגעקומען שאלות, אז אויב מען מיינט טאקע די תועלת פון אונזער געגנט, פארוואס גייט עס צו אויף אזא אופן, אז מען רופט אריבער מענטשן פון די בתי מדרשים, און מען זאגט אים: "אויב ביסטו א שטיקל 'שוויצער' דאן ביסטו אויטאמאטיש א באורד מעמבער"... אן דעם וואס דער גאנצער ציבור, די פאקטישע איינוואוינער, זאל האבן די זעלבסשטענדיגקייט, דאס פרייהייט פון ווארט, אליינס צו ערוועלן זייערע פארשטייער; פארוואס זאל עס נישט צוגיין אויף אן אפענעם אופן פון "ירא הקהל וישפוט", דער ציבור זאל מיטהאלטן אלעס וואס מען טוט און יעדער זאל זיין א חלק אין די פעולות פאר'ן געגנט.

דאס האט אנגעצינדן א רויט לעמפל, אז דרויסנדיגע אינוועסטירער און ביזנעס אינטערעסן זוכן צו באקומען איינפלוס אנשטאט די לעגיטימע איינוואוינער פון דאס שטעטל.

## וואס איז פארגעקומען במשך די קומענדיגע וואכן נאך די דאזיגע ערשטע מיטינג, איז געווען נאך מיטינגען אינדערצווישן?

היות 2 וואכן שפעטער, ד.ה. זונטאג פרשת פנחס איז אויסגעפאלן שבעה עשר בתמוז נדחה, איז די דאזיגע מיטינג ווי פארשטענדליך אויסגעלאזט געווארן, און די קומענדיגע מיטינג איז געווען באשטימט אויף זונטאג פרשת דברים, ווען עס איז פריש צונויפגערופן געווארן א ברייטער ציבור משתתפים, כמעשהו בראשונה, באותו מקום ובאותו זמן.

עס איז כדי צו אנמערקן אז מוצש"ק בעפאר איז געווען צווישן די תושבים וואס האבן זיך צונויפגערעדט, איבער די אסיפות וואס קומען פאר איבער די נושא פון די וואלן, און מ'האט גערעדט כדת מה לעשות, זיכער צו מאכן אז תושבי בלומינגראוו ווערן נישט בא'עולה'ט דורך אינדרויסנדיגע מענטשן מיט זייטיגע אגענדעס.

צווישן זיך האט מען געשמועסט אז ס'איז נישט געווען קיין ספק אז דא מוז צוזאמגעשטעלט ווערן א פאראייניגטע קאמיטע פון צווישן תושבי בלומינגראוו זעלבסט, ווייל "אם לא עכשיו אמתי", אויב מיר ווילן זיך אצינד נישט פאראייניגן אלע תושבי העיר צווישן זיך, דעמאלט וועט אריינקומען דא אן אנדערע קאמיטע וואס וועט שוין גוט אויסנוצן אונזער צעפארעניש פאר זייערע פינאנציעלע און אנדערע אינטערעסן.

אזוי רעדענדיג האט מען מחליט געווען אז מ'זאל רעדן צו ידידינו היקר איש אשר רוח בו, הר"ר יואל שטערן הי"ו, וואס איז אייגנטליך געווען א נייער תושב, ער האט ממש א האלב יאר בעפאר זיך אריינגעצויגן אהער קיין בלומינגראוו, מען האט אים געפרעגט צו ער וואלט גענומען אויף זיך דעם שעבוד, זיך צו אריינלייגן און העלפן תושבי השכונה פאר אונזערע אייגענע אינטערעסן.

און ר' יואל האט זיך דעמאלט אנגעשלאסן מיט א פלייס און אייפער, אויסדרוקנדיג זיין גרייטקייט צו זיין דערין אריינגעווארפן בעובי הקורה און געזאגט אז ער וועט איבערגעבן די מיינונג ביי די מארגענדיגע אסיפה.

## זייער אינטערסאנט. אלזא, וויאזוי האט מען גענומען אט די החלטת האסיפה צום קומענדיגן שטאפל ?

אויפצומארגנס - זונטאג פרשת דברים - ביי די קומענדיגע אסיפה, וואס איז פאררופן געווארן דורך די אויבנדערמאנטע ארגאנאזירער אינדרויסן פון בלומינגראוו, האבן מיר זיכער געמאכט אז אויך ר' יואל שטערן הי"ו זאל אהין איינגעלאדנט ווערן, און זאל אנקומען און דארט אנוועזנד זיין בשעת די ווייטערדיגע אנטוויקלונגען ווערן אויספלאנירט.

די אסיפה האט זיך געעפנט אזוי דאס פאריגע מאל, און ווען די אנפירער האבן אויפגעטרעטן מיטן אריינפיר דרשה האבן די היזיגע עסקנים באלד געזען אז זייער חשש איז אינגאנצן נישט געווען אומבאגרינדעט. מען האט דאן אנגעהויבן פארגעשלאגן פארשידענע "הטבות" און "אפפערס" פאר אלע עסקנים וועלכע ווילן צוהעלפן צו די אגענדעס וואס ווילן דארט אויספלאנירט ווערן.

עס איז געווען ממש דורכזיכטיג אז מען וויל דא עפעס באקומען אין אויסטויש פון די בלומינגראווער שטימען. בפרט האט יעדער זיך געוואונדערט, פארוואס דארף מען פארשפרעכן טובות הנאות פאר אידן וועלכע העלפן צו, יעדער איינוואוינער אין בלומינגראוו וויל דאך זעהן א פארבעסערונג אין דעם מצב מיט דער ווילעדזש, פארוואס דארף עס אלזא

# נִקְהֲלוּ וְעָמֹד עַל נַפְשָׁם!

## גאַנץ בלומינגראַוו פאַראייניגט!

### אין צוגרייטונגען צו די קריטישע היסטאָרישע

# בלומינגראָוו עלעקשאָנס

וואו מיר אידישע איינוואוינער באַקומען בעז"ה די איינמאָליגע היסטאָרישע געלעגנהייט צו קענען
אַריינוועלן אַ פריינטליכע רעגירונג סימפּאַטיש צו אונזערע געברויכן, איז בעז"ה צושטאַנד געקומען אַ

## מעבטיגע קהלות ועסקנים מאָביליזאַציע

וואו געטרייע עסקנים פון "אַלע קהלות" אין בלומינגראו האָבן זיך איינגעשפּאַנט צו שטיין אויפ'ן פראָנט אַלס די

## וואַל-קאַמפּיין עסקנים

**אַרויסצוהעלפן דעם ציבור מיט אַלעם אַרום די וואַלן צו פאַרזיכערן די פולקאָמע פאַראייניגונג פאַר אונזער עתיד און אַז "יעדע שטימע" קומט אַריין בעז"ה**

פאָלגענד איז אַ ליסטע פון די קהלות ועסקנים

### וואל הויפט-קווארטיר קאארדינעיטארס

מוה"ר **יואל גאלדשטיין** הי"ו
מוה"ר **ישעי'** בר"מ **הירש** הי"ו

### פאול וואטשערס
### Poll Watchers

מוה"ר **שמעון שווארטץ** הי"ו
מוה"ר **אורי דייטש** הי"ו
מוה"ר **שמעי' שפיטצער** הי"ו
מרת **גערטנער** תחי'

### בעביסיטטינג קאארדינעיטאר

מרת **שרייבער** תחי'
TBS Play School

### טראנספארטאציע דיספעטשער

מוה"ר **יושע ליבערמאן** הי"ו

**ווערט געזוכט - פאר גוט באצאלט**
**10 דרייווערס אויפ'ן עלעקשאן טאג**
**מיר ווען צושטעלן די קארס**

ביטע קאנטאקטן ר' יושע ליבערמאן דירעקט:
**347-781-4545**

**יא! איר קענט אויך זיין א חלק פון זיי, עס איז דא גענוג ארבעט ארויסצוהעלפן, פארבינדט אייך מיט די עסקנים און מיר וועלן אלע ארבעטן אינאיינעם פאר די עתיד פון אונזער שטאט**

**ר' יצחק עקשטיין: 845-500-3621**
**ר' יואל שטערן: 347-408-5225**

**בחודש אדר שמרבין בו בשמחה**
# בשם ה' נעשה ונצליח!

## סאטמאר - רינאוק

מוה"ר **מאיר גראס** הי"ו
מוה"ר **יואל מויזקאף** הי"ו
מוה"ר **שלמה ווייס** הי"ו
מוה"ר **שלום יודא ווייס** הי"ו
מוה"ר **יואל אבערלאנדער** הי"ו

## זמיגראד

מוה"ר **הערשל לעווי** הי"ו
מוה"ר **יוסף גאנץ** הי"ו
מוה"ר **לייבל הערשקאוויטש** הי"ו

## דועלק

מוה"ר **שלום יוסף לעווי** הי"ו
מוה"ר **אברהם שלמה האלפערט** הי"ו
מוה"ר **יצחק מרדכי האלפערט** הי"ו
מוה"ר **אפרים יושע האלפערט** הי"ו

## קאזאווע

מוה"ר **אלימלך אראן** הי"ו
מוה"ר **יוסף אלי' הארואוויץ** הי"ו
מוה"ר **וואלף יודא גליק** הי"ו
מוה"ר **שמעון מרדכי קופטשיק** הי"ו
מוה"ר **אברהם אבא גרינהוט** הי"ו

## קאזניץ

הרב **משה האלפערן** הי"ו
הרב **יואל וואגשאהל** הי"ו
מוה"ר **שמואל ברוך קאהן** הי"ו
מוה"ר **שמעון ישראל ראטענבערג** הי"ו

## פוזנא

הרב **דוב פרענקל** הי"ו
מוה"ר **אלכסנדר שטערן** הי"ו
מוה"ר **בערל פארקאש** הי"ו
מוה"ר **לייב ראזנער** הי"ו

## קאריץ

מוה"ר **יעקב ליכטענשטיין** הי"ו
מוה"ר **יחזקאל שרגא מערץ** הי"ו
מוה"ר **ישראל מרדכי פילאף** הי"ו
מוה"ר **מתתי' דייטש** הי"ו
מוה"ר **אברהם פיש** הי"ו

## ראדאוויץ

מוה"ר **יואל שלום לאוב** הי"ו
מוה"ר **יצחק פעלדמאן** הי"ו
מוה"ר **מרדכי יואל אונגאר** הי"ו
מוה"ר **יצחק פנחס עסטרייכער** הי"ו
מוה"ר **יואל רובינשטיין** הי"ו
מוה"ר **נפתלי משה ווייס** הי"ו

## זאליבטוב

מוה"ר **דוד קרויס** הי"ו
מוה"ר **יעקב אלימלך אייזנבערג** הי"ו
מוה"ר **משה ארי' ג'ברא** הי"ו

## העומדים על הפיקודים

מוה"ר **אברהם משה הכהן ווייס** הי"ו • מוה"ר **משה האלפערין** הי"ו • מוה"ר **חיים גליק** הי"ו
מוה"ר **הערשל לעווי** הי"ו • מוה"ר **יצחק עקשטיין** הי"ו • מוה"ר **יואל שטערן** הי"ו
מוה"ר **יושע אלימלך ביטמאן** הי"ו • מוה"ר **דוד קרויס** הי"ו • מוה"ר **מרדכי לייב האלצער** הי"ו

זיין אויף אזא אופן פון צוזאגן הבטחות און הטבות. עס איז געווען קענטיג אז דא ליגט באהאלטן זייטיגע אגענדעס פון אינוועסטירער און אינטערעסן וועלכע האפן צו געניסן פון דאס פלאץ אויפ'ן חשבון פון תושבי העיר.

נאכ'ן הערן די אלע שיינע הבטחות האבן די אנפירער געגעבן דאס געלעגנהייט פאר סיי וועמען פון די אנוועזענדע וואס וויל לאזן הערן זיין מיינונג זאל דאס זאגן.

דעמאלט האט זיך אויפגעשטעלט הר"ר יואל שטערן הי"ו און געזאגט זייער קלאר און דייטליך אז: **"קיינער דא אין דעם צימער פארטרעט נישט 'בלומינגראוו', קיינער האט נישט די רעכט צו קומען דא אין א דרויסנדיגע פלאץ איינצוטיילן פאר תושבי בלומינגראוו וויאזוי זיי זאלן האנדלן, און איבערהויפט האט קיינער נאכנישט באקומען די רשות און די רעכטן צו קומען מאכן געשעפטן אונטער'ן ריקן פון די בלומינגראווער איינוואוינער, וואס זאל זיך לוינען בלויז פאר די אינטערעסן פון פריוואטע מענטשן וועלכע וואוינען בכלל נישט דא".**

די אנפירער האבן דאן אויפגעברענגט אז בעצם איז עס א לעגיטימע דעבאטע ווער עס האט די רעכט אויף בלומינגראוו. ווייל עס איז דא א שטארקע קלער אז די מענטשן וועלכע האבן אינוועסטירט געלט אין שטחים און זיצן דא מיט פראפערטיס, זיי זענען גאר די ריכטיגע בעלי בתים אויפ'ן געגנט, ווידעראום די אינגעלייט וועלכע וואוינען דא זענען הערשט יעצט אנגעקומען און ס'איז א סברה אז זיי דארפן נישט זיין אזוי שטארק בעובי הקורה אויף די החלטות פונעם געגנט...

אבער דאס איז אפגעווארפן געווארן ווייל אינוועסטירער קאנצעטרירן זיך בלויז אויף איין זאך: אויב עס וועט לוינען פאר זיין געלט; צי עס וועט פון דא ארויסקומען זאפטיגע פעטע פראפיטן אדער נישט, און ווי דער כלל איז ביי ביזנעס אז מען איז געוועגליך זייער שארף צום דאלער און צו די רווחים. די סארט מענטשן אינטערעסירן זיך בכלל נישט פאר די עכטע תועלת און ריכטיגע טובה פאר די געגנט.

ווידעראום די איינוואוינער וועלכער וואוינט דא פאקטיש, און מוטשען זיך פערזענליך מיט אלע שוועריגקייטן וואס מען גייט דא דורך, וואס עפעקטירט הם ונשיהם ובניהם ובנותיהם אויפ'ן טאג טעגליכן פארנעם, זיי זענען עס די וואס דארפן ארויפשטעלן דעם טאן פאר די געגנט! זיי האבן די "וואויטינג רעכטן" און זיי דארפן האבן כהיום בתי מדרשים ומקוואות, זיי דארפן א שאטל באס, זיי האבן פיל ערליי געברויכן אויפן טאג טעגליכן לעבן, און זיי דארפן נישט קיין שותפות'ער אין אינוועסטמענטס פאר דרייסיג יאר ארום... ר' יואל האט פארגעשלאגן: **אדרבה, לאמיר זען אז די אינוועסטירער זאלן זיך אויך אהער ארייציען און זיין גרייט צו מיטליידן אינאיינעם מיט'ן ציבור תושבים...**

עס איז געווארן זייער קלאר פעסטגעשטעלט אז מען וועט נישט לאזן קאנטראלירן א ציבור וואס וואוינט אין א געגנט, צוליב געלט אינטערעסן פון דרויסנדיגע מענטשן. א איד וואס וואוינט אין א געגנט און גייט דורך די טאג טעגליכע שוועריגקייטן





די ערשטע גרויסע אסיפה אוועקצושטעלן דעם באורד "פון בלומינגראוו פאר בלומינגראוו"

האט די לעגאלע, געזעצליכע און מענטשליכע רעכט צו לאזן הערן זיין שטימע און פארלאנגען זיינע אינטערעסן. קיינער קען אים נישט באצווינגען און קיינער קען אים נישט פארטרעטן.

אודאי אז ס'וועט אויספעלן נאכדעם צו ארבעטן אינאיינעם מיט די אינוועסטירער, מיט א פארשטענדעניש, וואס וועט נישט קומען אויפן חשבון אז די אייגענע איינוואוינער זאלן אויף סיי וואספארא אופן באקריוועדעט ווערן, פארוואס דען נישט, מ'קען פרובירן נאכקומען און העלפן מיט וואס און וויפיל עס איז מעגליך, אבער אז דרויסנדיגע אינוועסטירער זאלן ארויפצווינגען אן אויסשליסליכע בעלות אויף ענינים וואס באלאנגט פאר אונז תושבי בלומינגראוו, דאס קומט נישט אין באטראכט.

## וואס זענען למעשה געווען די רעזולטאטן פון יענע שטורמישע אסיפה אינדרויסן פון בלומינגראוו ?

עס לאזט זיך נישט זאגן די השפעה וואס זיינע ווערטער האבן איבערגעלאזט אויף אלע אנוועזענדע. ס'איז געווען קלאר אז דער סארט מהלך פון מאכן אסיפות אונטער דעם רוקן פון תושבי בלומינגראוו איז געענדיגט און מען שטייט בעפאר א נייע עפאכע ווען תושבי בלומינגראוו צווישן זיך וועלן באשליסן זייער צוקונפט.

ווען געוויסע האבן באותו מעמד קאנפראנטירט און געפרעגט, "וואס דען איז די פלאן און די וויזיע", האט ר' יואל שטערן זיך אונטערגענומען אז ער וועט אין די קומענדיגע 72 שעה בעז"ה צונויף שטעלן א כח המאחד פון אלע קהלות און איינוואוינער פון דער שטאט, צו צעמענטירן דעם פראקטישן עתיד פאר א בעסערע בלומינגראוו, וואס וועט באשטיין בלויז פון פולשטענדיגע תושבי העיר.

די תושבי ועסקני העיר אינאיינעם מיט די דארטיגע אנוועזנדע האבן אים טאקע אויפן פלאץ געגעבן דעם שאנס, אדרבה לאמיר זען וואס דו קענסט...

און דאס אומגלויבליכע האט פאקטיש פאסירט!

ר' יואל שטערן און ר' יצחק עקשטיין האבן זיך אינאיינעם אראפגעזעצט און פרובירט אויסצושטעלן א ליסטע פון עסקנים און א דאטום און מיט בלויז 3 טעג דערויף, מיטוואך פרשת דברים, איז געמאלדן געווארן פאר אלע עסקנים ותושבי העיר, אז יעדער זאל איבערגעבן פארן צווייטן, און זיכער מאכן אז סיי ווער ס'האט א שטיקל געפיל פאר עסקנות, פון יעדע קהילה, פון יעדע געגנט, און יעדע ביהמ"ד, זאל איינגעמאלדן ווערן אז ער איז פולשטענדיג געלאנדט צום דאזיגן מעמד, ווען עס וועט פארקומען די היסטארישע ערשטע אסיפה **"תושבי בלומינגראוו פאר תושבי בלומינגראוו"**, אין דעם עזרת נשים פון בית המדרש צאנז-זמיגראד.

די הערליכע אסיפה איז ווירקליך צושטאנד געקומען צומארגנס, ליל שישי דאנערשטאג נאכט פרשת דברים, וואו עס האבן זיך באטייליגט א הערליכע קאלירפולע ספעקטורם פון אריבער 40 עסקנים תושבי העיר, וועלכע האבן זיך פארזאמלט כאיש אחד בלב אחד צו קובע זיין און אוועקצושטעלן דעם עתיד פון אונזער שטאט.

פארשטענדליך אז ביי די אסיפה זענען אויך אנוועזענד געווען די אלע געטרייע עסקנים תושבי העיר, וואס האבן שוין געטוהן פאר בלומינגגראוו אינעם עבר, וועמען עס קומט זיך די גרעסטע קרעדיט פאר זייערע לייסטונגען לטובת די געגנט, אינאיינעם מיט די נייערע עסקנים, וועלכע האבן אלע זיך פאראייניגט פאר די הייליגע מיסיע, צו ארבעטן מיט א פאראייניגטע אחריות פארן תכלית הנרצה.

עס האט זיך געשפירט אין דער לופטן אז יעדער וואס באטייליגט זיך אין דעם צימער איז א טייל פון היסטאריע וואס שפילט זיך אפ פארנט פון אונזערע אויגן, און ברענגט מיט זיך א נייע דערפרישענדע עפאכע פאר בלומינגראוו, אן עפאכע פון צוזאמענארבעט, אחריות, שלום, אחדות און א כח הרבים וואס וועט בעז"ה ברענגען ענדלאזע רוחים פאר יעדן יחיד פון די תושבי העיר.

## וואס זענען געווען די דעטאלן און רעזולוציעס פון די היסטארישע ערשטע אסיפה פון "תושבי בלומינגראוו פאר תושבי בלומינגראוו"?

בי דיי אסיפה איז געהערט געווארן זייער זייער קלאר אראפגעלייגט דאס מציאות הדברים וואס עס האט זיך אפגעשפילט דעם פארלאפענעם זונטאג, און מ'האט גערעדט אז עס קען נישט זיין אזא באגריף אז אנדערע מענטשן מבית ומבחוץ, וועלכע לעבן נישט מיט אונזערע געברויכן, זאלן מאכן באשליסן, נישט פאר'ן יחיד און אודאי נישט פאר'ן קאלעקטיוון רבים פון בלומינגראוו.

מען האט דאן מכבד געווען דעם לעגענדארן און וועטעראן עסקן פון בלומינגראוו, און פון די גאנץ ערשטע איינוואוינער, הרב החסיד כהן שדעתו יפה, מוה"ר מענדל הכהן ראזנבערג שליט"א, וואס האט ארויסגעברענגט זיין התרגשות ביים מיטלעבן אזא מאמענט וויאזוי היסטאריע ווערט געשריבן אין בלומינגראוו, און האט דערביי זייער מחזק געווען

אלע עסקנים ותושבים אז ענדליך טוט מען שוין די ריכטיגע זאך פאר אונזער אייגענע טובה און פאר די עתיד פון דעם מקום.

דאן האט זיך אנגעהויבן די אקטועלע דיסקוסיעס, ווען מען האט דורכגעשמועסט דריי צענטראלע שאלות: **1) אויב דער ציבור איז איינשטימונג אז מען זאל גרינדן א אידישע קאמיטע דורך תושבי העיר. 2) אויב וועט געגרינדעט ווערן א קאמיטע, וויאזוי זאלן די מיטגלידער איינגעטיילט ווערן, לויט די געגנטער, לויט די קהלות א.א.וו. 3) וויאזוי זאל מען אפהאלטן יושר'דיגע וואלן פאר די פארטרעטער פונעם ציבור וואס זאלן זיין מיטגלידער אין דעם באורד.**

און די זעלבע האבן אלע אנוועזענדע געגעבן ברבים זייער חות דעת און שטעלונג איבער די אלע טעמעס. מען האט טאקע געהערט במשך די נאכט פון יעדן איינציגן פון די 40 אידן תושבי העיר וועלכע האבן זיך געלאזט הערן מיט זייערע אויפפאסונגען.

דער סך הכל איז געווען אז אלע האבן פארשטאנען אז "הגיע הזמן", ס'איז שוין העכסט צייט אז דער ציבור זאל זיך פאראייניגען פאר אונזער אייגענע טובה אן קיין השפעה פון דרויסנדיגע אינטערעסן.

נאכ'ן דורכשמועסן אינאיינעם דאס ענין איז געבליבן אז כדי צו מסדר זיין ריכטיג די טעכנישע און לאגישע דעטאלן וויאזוי עס זאל פארמירט ווערן אזא קאמיטע, און כדי צו קענען צוריקהערן פונעם ברייטן ציבור תושבי בלומינגראוו, וועט מען דערווייל מוזן גרינדן א צייטווייליגער "וועד הפועל" וואס זאל באגלייטן די צוגרייטונגען צום פערמענאנטן קאמיטע.

אין שפיץ פון דעם "וועד הפועל" איז אויפגענומען געווארן מיט א פאראייניגטע שטימע דורך די אלע באטייליגטע, הר"ר יואל שטערן הי"ו, הר"ר יצחק עקשטיין הי"ו, און הר"ר יחזקאל שרגא מערץ הי"ו. - גראדע האט הרה"ח רבי מענדל ראזנבערג שליט"א מיך פערזענליך געבעטן דעמאלט, אז איך זאל אריינקומען און אננעמען די פאזיציע אויך צו זיין פון די אקטיווע חברי "וועד הפועל", ער האט שוין געהאט אויסגערופן אז איך בין אויך א טייל פונעם "וועד הפועל", אבער היות אין יענע עטליכע וואכן בין איך געווען פארנומען מיט אנדערע פערזענליכע זאכן, איז מיר ממש געווען אוממעגליך זיך אונטערצונעמען די דאזיגע אחריות און אויפגאבע, כ'האב געשפירט אז איך וועל נישט קענען ריכטיג אוועקגעבן מיין גאנצע הארץ און ווען פאר די וויכטיגע מיסיע, דעריבער האב איך נישט געזוכט אנצונעמען דעם כיבוד, און כ'האב זיך גלייך אנטזאגט.

דער ציל פון דעם "וועד הפועל" איז געווען קלאר פון די ערשטע מינוט, צו אוועקשטעלן א באורד, א קאמיטע, וואס זאל ווערן ערוועלט "פונעם ציבור - פאר'ן ציבור". יעדער יחיד פון די היזיגע איינוואוינער זאל האבן א גלייכע רעכט צו אויסקלייבן און ערוועלן א מענטש, מיט וועמען ער פילט זיך באקוועם, אז יענער וועט אים פארטרעטן מיט געטריישאפט און יושר.

בדרך אגב, רעדנדיג פון יענע היסטארישע ערשטע אסיפה דא אין בלומינגראוו, דערמאן איך זיך א פערזענליכע אנעקדאט וואס קיינער האט לכאורה נישט מיטגעהאלטן בשעת די אסיפה. איך האב יענע נאכט געהאט א שמחה און צוליב דעם בין איך אנגעקומען אביסל שפעטער צו די אסיפה, ווען מען האט שוין געהאלטן אינמיטן.

אזוי אנקומענדיג צום צאנז זמיגראדער בית המדרש האב איך פלוצים באמערקט ווי כ"ק מרן אדמו"ר מצאנז זמיגראד שליט"א איז פונקט ארויסגעקומען פון דער קאר, זיך גרייטנדיג אריינצוגיין צו ביתו נאוה קודש העכער דאס בית המדרש.

דער רבי שליט"א האט זיך אפגעשטעלט ביים פענסטער און אריינגעבליקט צו זעהן וויאזוי עס גייט די אסיפה. און כאטש וואס געווענליך גייט ער דאך אריין פון די רעכטע זייטיגע טיר צו זיין שטוב, האט ער אבער דאסמאל געמאכט אן אומוועג און האט צוגעוואקט ביז צום אונטערשטן טייל פונעם בנין, וואס פון דארט איז ער אריין אינעווייניג און אזוי ארויף צו זיין דירה אויבן, בכדי נישט צו שטערן די וויכטיגע אסיפה.

ס'איז געווען קענטיג אויף צורת קדשו די הנאה און קורת רוח וואס דער רבי שליט"א האט געהאט זעהנדיג די אסיפה וויאזוי עס ווערט געבוירן אזא פאראייניגטע כח הרבים אין שטאט. זיין ברכה און זיין תפלות האבן אונז שוין דעמאלט באגלייט ביז צו די פריידיגע ענדע בעז"ה אין די נאנטע טעג.

## דער "וועד הפועל" איז שוין אין קראפט; וואס איז אצינד געווען די קומענדיגע שטאפל ?

פון די ערשטע מינוט איז דער "וועד הפועל" נישט געזיצן מיט קיין פארלייגטע הענט אויף קיין איבעריגע מינוט. מען האט זיך באלד אריינגעווארפן מיט'ן גאנצן אייפער אין דער הייליגער אונטערנעמונג.

מען האט זיך באלד אראפגעזעצט רעדן מיט עסקנים, אישי הציבור, אנשי מעשה, ראשי קהלה און רבנים פון די בתי מדרשים, צו באשטימען ווער עס זאל זיין די ריכטיגע און פאסיגע קאנדידאטן צו פארטרעטן דעם ציבור אינערהאלב דעם קאמיטע וואס וועט אויפגעשטעלט ווערן פאר אונזער עתיד.

גלייכצייטיג האט מען זיך דורכגערעדט מיט פראפעסיאנאלע עקספערטן וויאזוי צו פארזיכערן אז די וואלן זאלן זיין קראנט און יושר'דיג אז יעדער יחיד אין שטעטל זאל האבן אן אייניגע מיינונג און פארטרערשאפט אין דעם באורד. מען איז געזיצן לאנגע שעות און אויסגעארבעט א גענויעם מהלך וויאזוי עס זאל אויסגעשטעלט ווערן די ליסטע פון די קאנדידאטן, לויט די געגנטער און לויט די בתי מדרשים.

ס'איז ארייגעלייגט געווארן קאפ און מח צו זיכער מאכן אויף הונדערט פראצענט אז מען ערגרייכט דעם ציל, אז יעדע שול און יעדע קהלה זאל האבן פארטרעטער אין דעם באורד, וואס באדייט אויטאמאטיש אז יעדער יחיד האט דעם זעלבן כח און יעדער תושב ווערט פולקאם פארטרעטן דורך זיינע געטרייע שלוחים.

מען האט דאס אויך איבערגערעדט מיט אדוואקאטן וועלכע האבן געגעבן די פולסטע צושטימונג אז דער מהלך און דער סטרוקטור פון די וואלן איז זייער שטארק לעגאל אויסגעהאלטן און שטאנדהאפטיג, און איבעריג צו זאגן אז דאס אלעס איז איבערגערעדט געווארן מיט'ן דעת תורה פון די חשוב'ע גדולי רבני העיר שליט"א וואס האבן אלע פה אחד אויסטערליש מחזק געווען די פעולות זאגנדיג אז דאס איז די ריכטיגע מהלך על פי תורה וואס דארף יעצט געטון ווערן.

איבערהויפט האבן די רבנים שליט"א זייער מפליא געווען דעם גאנצן מהלך וויאזוי מען האט ב"ה איינגעפעדעמט אן אייגענע קאמיטע וואס איז נישט געבינדן און נישט משועבד פאר קיין שום דרויסנדיגע אינוועסטירער, נאר מען קוקט בלויז אויף די טובה און תועלת פון די איינוואוינער דאהי.

## מען שטעלט ארויס קאנדידאטן פאר יעדע קהלה, און יעדע בית המדרש פון יעדע געגענט; ווען זענט איר אריינגעקומען דערין ?

ווי ערוועגט איז מיר פערזענליך דעמאלט שווער געווען צו זיין אקטיוו מיט די עסקנות, און איך בין בכלל שטארק מסופק געווען אויב איך זאל זיך ארייגלייגן אין אזא שווערע פארצווייגטע מיסיע. אבער יענעם שב"ק ואתחנן-נחמו איז דא געווען צוגאסט דער ידיד נפש כל חי, הרה"ח מו"ה שמעון ישראל פאזן הי"ו, וואס האט דעמאלט געזען און מיטגעהאלטן וויאזוי עס טוט זיך ב"ה אין שטעטל מיט א "וועד הפועל" פון אלע בתי מדרשים, און ער האט זיך דאן אריינגעלייגט צו מפציר זיין די עסקנים ותושבי העיר אז יעדער זאל זיין בייהילפיג און נישט שטיין גלייכגילטיג, ער האט ממש אויפגעפאדערט אלע עסקנים זיך צו אריינלייגן בכל לב ונפש און צוהעלפן מיט די וויכטיגע ארבעט.

ר' שמעון ישראל האט זיך דאן געבעטן א פערזענליכע טובה, זאגנדיג אז ער זעלבסט האט דאך בליעה"ר עטליכע קינדער וועלכע וואוינען דא אין בלומינגגראוו, און דעריבער קוקט ער ארויס אז מען זאל דא טון דאס ריכטיגע צו העלפן דעם וואוקס פון די געגנט.

איך האב געשפירט אז פאר אזא איד ווי ר' שמעון ישראל, וואס איז לעגענדאר בארימט אלס אן עסקן וואס אטעמט מיט חסד יומם ולילה, א איד וואס ער איז באמת א 'רודף חסד' פיר און צוואנציג שעה אין טאג, איך קען אים פשוט נישט אפזאגן. (אגב, איך ווייס נישט אויב דער ציבור ווייסט, אבער ר' שמעון ישראל פירט אן דא אין קרית יואל א מייסטערהאפטיגע ארגאניזאציע "לשובע ולא לרזון" טיילנדיג עסן פאר הונדערטער משפחות בחנם, יעדע וואך).

הכלל, איך האב דעם איד נישט געקענט אפזאגן. ובפרט נאכדעם וואס ר' שמעון ישראל האט אנגעווארעמט נאך אנדערע אידן, ידידים און גוטע פריינד, פאר די הייליגע ציל צו העלפן דעם עתיד פון דער געגנט. דאס הארץ איז דאך דא געווען, די רצון איז אויך דא געווען, האב איך טאקע גענומען אויף מיר דעם עול. און ס'איז געמאלדן געווארן מיין נאמען אלס קאנדידאט צו פארטרעטן מיין געגנט "שכונת דועלק/סען אנטאניא".

## אז איר דערמאנט אייער געגנט "שכונת דועלק/סען אנטאניא" וואס טוט זיך טאקע דארט מיטן ביהמ"ד, וואו דאווענט דער ציבור?

יענעם זומער איז אנגעגאנגען דאס הערליכע סקולענער בית המדרש בשכונתינו, וואס כאטש ס'איז געווען אויף א צייטווייליגע לאקאל איז דאס אבער געווען גאר א הערליכער תוכן'דיגער ווינקל, ס'איז גאנץ שנעל מפורסם געווארן אלס א געשמאקער רואיגער מקום פון תורה ותפלה, פון וואו אלע איינוואוינער ארום האבן געשעפט הויפנס חיות דקדושה. והעולה על כולנה איז געווען ממש מעין עולם הבא די געשמאקע סקולענע ניגונים מידי שבת בשבתו איבערהויפט ביי שלש סעודות, ס'איז באמת געווען אן אומפארגעסליכער זומער וואס וועט בלייבן אין זכרון א לאנגע צייט פאר אלע מתפללי ביהמ"ד.

במשך עטליכע חדשים בעפאר איז מיר שוין

אויסגעקומען עוסק צו זיין אין אונזער געגענט בנוגע אפצוקויפן א פלאץ וואס זאל קענען ווערן אוועקגעשטעלט פאר א שטאנדהאפטיגע ביהמ"ד. עס איז פארגעקומען עטליכע מיטינגען ווי אלע שכנים האבן זיך צוזאמענגענומען, און האבן אויסגעדרוקט זייער ווארימע באגער אז מיר מוזן האבן אן אייגענעם ביהמ"ד אין דער געגענט, אבער נאכ'ן פרובירן דורכגיין פארשידענע הצעות און פארשלאגן האבן מיר געזעהן אז דאס איז אלעס פארבינדן מיט גרעסערע געלטער, און מ'דארף האבן א געהעריגע פינאנציעלע פלאן בכדי עס זאל קענען צושטאנד קומען א פאסיגע מקח פאר אונזער געגענט.

זיך דערזעענדיג אז מיר האבן דא ב"ה מאחד געווען א שיינעם ציבור פון קרוב צו 30 יונגעלייט וואס וואוינען ארום און ארום אויף "שכונת דועלק/סען אנטאניא", וועלכע האט נאכנישט געהאט קיין איין ביהמ"ד און א מקוה און עס געדויערט לכה"פ 15 מינוט צו וואקן צום נענטסטן שול, און נעמענדיג אין באטראכט אז די געגנט האט נאך לערך 100 הייזער צום פארקויפן, רוב טאקע מער פון די קלענערע סארט הייזער, אבער מצד השני וועט דאס לכאורה גיין פאר ביליגער, פאר יונגעלייט וועלכע זוכן צו קויפן א שטיקל דירה פאר פארהעלטנסמעסיגע צוגענליכע פרייזן, וואס מ'קען מיט די צייט ארויסבויען און זיך פארגרעסערן, איז געווען זעלבסטפארשטענדליך אז די איינציגסטע זאך וואס פעלט זיך דא אויס, איז אן אנגייענדע ביהמ"ד, ווייל דאס וועט שטארק צוהעלפן אז די גאנצע שכונה זאל אויפלעבן און זיך נעמען שפרודלען, אפילו ס'וועט קודם אנגיין אין א געדינגענע לאקאל, און בע"ה וועט מען שוין מיט די צייט אנקומען צו טרעפן א גוטן מקום אפצוקויפן און אהערשטעלן א גוטן ביהמ"ד לתושבי השכונה.

דא דארף איך ארויסברענגען לשבח אונזער חשובער שכן רודצו"ח, הר"ר שלום יוסף לעווי הי"ו, און די אנדערע חשוב'ע שכנים הי"ו וועלכע האבן אסאך צוגעהאלפן צום התייסדות פון אונזער ביהמ"ד, וואס האט זיך אנגעהויבן עטאבליזירן ביי מיר אין בעיסמענט, וואס דארט זענען די תפילות אנגעגאנגען יעדן ליל שב"ק במשך סוף זוממער, גאנץ חודש אלול און תשרי.

ראש השנה ביינאכט איז דאס ביהמ"ד געווען אפן ביידע נעכט, ווי אויך ביידע טעג ראש השנה איז פארגעקומען 'תקיעת שופר' פאר די נשים אין אונזער ביהמ"ד, אזוי אויך די ערשטע טעג סוכות, חוה"מ וכולהו.

במשך די תקופה האט אונזער חשוב'ער שכן, רודצו"ח הר"ר נסים סאאל הי"ו, העפטיג געארבייט צו שאפן אן אייגענע ספר תורה פאר אונזער ציבור, כדי מיר זאל קענען אנהייבן דאווענען אויך שבת בייטאג, און דאס ביהמ"ד זאל קענען אנגיין אלע דריי תפילות למען לא יחסר המזג.

ס'האט נישט לאנג גענומען און ער האט טאקע ב"ה ערדייכט א ספר תורה, און דאן איז דאס ביהמ"ד פארפולקאמט געווארן צו יעדנס צופרידנהייט, און שטילערהייט אן קיין פירסום טוט דאס ביהמ"ד ווייטער אנגיין ביתר שאת, ווען הר"ר נסים הי"ו טוט זיך אפגעבן מיט אלע הצטרכות הביהמ"ד מיט א באזונדערע הארץ און געפיל. ער האט אהערגעשטעלט נייע טישן וואס זאל אקאמאדירן דעם ציבור פראקטיש און באקוועם, און 'מעלין בקודש' האט ער במשך דעם גאנצן ווינטער עוסק געווען צוצושטעלן אויך א מקוה בס"ד, זייענדיג אין דירעקטן פארבינדונג מיט מומחים אין דעם געביט, און מיר זענען מתפלל "אבן מאסו הבונים היתה לראש פינה" מיר זאלן זוכה זיין לברך על המוגמר להרחיב גבולי הקדושה.

אין צוגאב צו אונזער אנגייענדע ביהמ"ד אויף "סען אנטאניא", איז דעם ווינטער אויך געעפענט געווארן נאך א ביהמ"ד אין אונזער געגענט אויף "סען מארקוס", וואס איז באקאנט אלס דער "ביהמ"ד באניע" בנשיאות הרה"צ רבי יושע מרדכי לייפער שליט"א, וואס איז א ליכטיגער קרן אורה מיט זיינע ווארימע תפילות עפ"י נוסח נאדבורנא, און ביידע בתי מדרשים זענען א לייכט טורעם פאר גאנץ "שכונת דועלק", וואס האט טאקע ב"ה צוגעברענגט א שיינע צאל פרישע איינוואוינער, ועוד חזון בס"ד.

און אזוי איז מען ב"ה ארייגעצויגן געווארן אין די צרכי הכלל, בבחינת 'אמור מעט ועשה הרבה', ויותר ממה שקריתי לפניכם כתוב כאן, און מען האפט צו השי"ת אז עס זאל טאקע ברענגען די ריכטיגע



די מקוה וואס ווערט פארענדיגט אין די טעג אין די דועלק / סען עטאניע געגענט

פירות פאר'ן עתיד פון אונז און אונזערע קינדער ביז משיח'ס טאג.

**געוואלדיג! אייער געגענט איז טאקע ווערט באגריסט צו ווערן פאר די אנגייענדע אויפטוען! אצינד צוריק צום התייסדות פון די באורד – וויאזוי האט דער ציבור אויפגענומען די אנטוויקלונגען מיט די וואלן פאר א קאמיטע לטובת העיר ?**

לשבחם פון בלומינגראווער אידן דארף טאקע געזאגט ווערן אז די עסקנים זענען זעלבסט איבערראשט געווארן פון די אויסטערלישע ווארימקייט און אינטערעסע וואס דער ציבור האט ארויסגעוויזן צו די אנטוויקלונגען. גאנץ שנעל איז צוזאמגעשטעלט געווארן א ליסטע פון די 9 בתי מדרשים אין דער שטאט, וועלכע האבן אלע ארויסגעשטעלט צוויי קאנדידאטן וועלכע זאלן ערוועלט ווערן אלס זייערע פארטרעטער.

אינאיינעם איז עס געווען א ליסטע פון 18 חשוב'ע אידן, רצויים לכל הקהל, און מען האט בשעה טובה ומצלחת אנאנסירט א פלאץ און א דאטום, וואו עס וועלן פארקומען די וואלן. דאנערשטאג ליל שישי פרשת כי תבא שנת תשע"ט, טאקע אויפ'ן זעלבן ארט וואו מען האט אוועקגעשטעלט דער יסוד פון דעם קאמיטע, אין חצר הקודש צאנז זמיגראד.

במשך די צייט וואס די עסקנים האבן דורכגערעדט דאס ענין מיט די רבנים איז ארויפגעקומען איינמאל און נאכאמאל אויפ'ן טיש אז בנוסף צו דעם "וועד הפועל" און די אלע וויכטיגע עסקנות לטובת הכלל, איז אבער פארהאן איין שפראך וואס דער גוי פארשטייט, וואס דאס איז די שפראך פון "וואלן".

ס'איז אנגעוויזן געווארן אז דער גאנצער כח השפעה אין אמעריקע דרייט זיך ארום די וואלן. אויף דעם איז געבויעט די קאנסטוטוציע און אזוי פירט זיך די פעדעראלע, סטעיט און לאקאלע רעגירונגען. דאס גאנצע עקזיסטענץ פון יעדן פאליטיקאנט איז באזירט אויף די צאל שטימען וואס ער ברענגט אריין.

אזוי ארום אז עס קען זיין א געמיינדע פון אומצאליגע מענטשן אבער אויב זענען זיי נישט קיין רעגיסטרירטע ווילער פארמאגן זיי נישט דאס מינדעסטע השפעה אדער איינפלוס, דער גוי רעכנט זיך לגמרי נישט מיט זיי.

יענעם ערש"ק איז טאקע ערשינען דער היסטארישער קול קורא, מיט די חתימת ידיהם פון אלע רבני תושבי העיר, וועלכע זענען מחזק די וויכטיגע און הייליגע מלאכת הקודש פון די קאמיטע און פאדערן אויף פון די היזיגע איינוואוינער זיך צו אנשליסן אין דער קריטישער מיסיע, דורך זיך רעגיסטרירן צו שטימען וואס איז א טובה און א תועלת מיד ולדורות.

באזונדער האבן מיר טאקע געהאט די זכי' אז דער נשיא אלקים בתוכינו, כ"ק מרן אדמו"ר מצאנז זמיגראד שליט"א, האט אויך אונטערגעשריבן אויפן "קריאה דחופה" און האט צוגעשריבן בכתב יד קדשו אויפן כרוז: "גם אני מצטרף לגודל נחיצות הענין ברוחניות ובגשמיות ויה"ר שתשרה שכינה במעשה ידינו", וואס האט ווירקליך געגעבן פאר'ן ציבור דעם ערנסטן בליק צו באגרייפן דאס אחריות און חובת השעה אין אזא צייט.

דאן איז טאקע ארויסגעלאזט געווארן די רעגיסטראציע קאמפיין אין פולסטן שוואונג, וואס איז ב"ה געקרוינט געווארן מיט אן אויסטערלישע הצלחה, מיט פרישע צענדליגער אנגעשלאסענע רעגיסטרירטע ווילער וועלכע האבן אויסגעפאלגט די הוראה פון די רבנים שליט"א און גרייטן זיך אצינד צו טוישן די היסטאריע פון בלומינגראוו אויף אייביג, אדאנק זייער אחריות'דיגע שריט דעמאלט ווען עס האט זיך געפאדערט זיך צו רעגיסטרירן, און אצינד ווען עס פאדערט זיך צו בפועל אפגעבן די שטימע פאר די ריכטיגע קאנדידאטן בעז"ה.

מיט אט די פארשריט און הצלחה איז מען צוגעטרעטן צו די נאכט פון די וואלן פאר דעם קאמיטע.

די וואלן גופא איז ב"ה געווען א הצלחה למעלה מן המשוער, ווען קרוב צו 80 פראצענט פונעם ציבור איז ארויסגעקומען אויסוועלן זייערע פארטרעטער. ס'איז געווען אזא מאסיווע 'טורנאוט' פון אלע קהלות און פון אלע געגנטער, וואס קיינער האט זיך נישט גערעכנט דערויף בעפאר.

די ריזיגע הצלחה ביי די וואלן האט קליפ און קלאר איבערצייגט אז דער ציבור האט ב"ה א געוואלדיגע אינטערעסע אז בלומינגראוו זאל זיך טאקע אזוי פירן, צווישן אונז, דורך אונזערע איינוואוינער, וואס זאלן קעמפן און ארבעטן פאר אונזערע אייגענע אינטערעסן. דער ציבור זוכט נישט קיין מיטינגען אינדרויסן פון בלומינגראוו און מען וויל נישט ווערן פארטרעטן דורך אינוועסטירער וועלכע זענען נישט קיין תושבי העיר.

**פארזעצונג קומענדיגע וואך**

אינהאלטסרייכע זכרונות, אויפדעקונגען,

# אינטערוויו

## מיט הרבני החסיד בנש"ק איש האשכולות

## הרב יואל וואגשאהל שליט"א

## דער סאמע ערשטער תושב פון בלומינגראוו

**דער סאמע- ערשטער תושב פון אונזער שטאט בלומינגראוו יצ"ו, איז איינער פון די באליבטע אנ"ש, הרבני החסיד בנש"ק הרב יואל וואגשאל שליט"א, וואס מיט גענוי דרייצן יאר צוריק, -ווען מערסטנס "שטימע" ליינער האבן נאכנישט געוואוסט אז אזא געגנט בלומינגראוו עקזיסטירט בכלל - איז ער געווען דער נחשון בה"א הידועה, וואס איז אריינגעשפרינגען און זיך באזעצט דא אין בלומי'גראוו.**

**מיר האבן בעז"ה אפגעהאלטן אַן אינהאלטספולע אינטערוויא, וואו ר' יואל שילדערט אונז מיט אלע דעטאלן, די העכסט וואונדערליכע היסטאריע, אנגעהויבן מיט 13 יאר צוריק, ביז פאר בערך פיר יאר צוריק, ווען דאס בית מדרש אויף 13 דאללעס איז געגרינדעט געווארן און דערנאך טראגיש פארשלאסן געווארן, באגלייט מיט נאך פילע אינטערסאנטע פרטים און אינפארמאציע. ליינט און האט הנאה.**

איך בין אויפגעוואקסן, אין מאנסי - פאנגט רבי יואל אָן דעם שמועס - אויף די קויפמאן גאס, וואס איז א קליין "דעיט ענד" גאס, אראפ פון אדער קארט.

היינט צו טאגס, איז די געגנט באזעצט מיט צענדליגער אדער הונדערטער אידישע משפחות. אבער ווען מיר האבן דארט געוואוינט איז דאס געווען די איינציגסטע הויז אויף דעם קליין געסעלע. און דארט וואו עס איז שטייען היינט גרויסע הייזער, איז דאן געווען א וואלד, ווי איך מיט מיינע ברודער האבן זיך געשפילט.

מאנסי האט נאך אין יענע צייט, -מיט פערציג יאר צוריק- נישט פארמאגט אזא באגריף פון א "מולטי פאמיליע" הויז. גאנץ מאנסי איז באשטאנען פון בלויז פריוואטע הייזער. אין פאקט, געדענק איך נאך, די ערשטע גאסן וואו מען האט געבויעט איינע פון די די ערשטע מולטי פאמיליע אין די שטאט מאנסי.

דערנאך האבן מיר זיך געצויגן קיין מאנרא. אויכעט אין א פריוואטע הויז אין דער סעווען ספרינגס געגענט.

נאך מיין חתונה, האב איך געוואוינט צוויי יאר אין שטאט, אין בארא פארק. דערנאך עטליכע יאר אין קרית יואל, אין דער עצי תמרים שכונה, וואו מיר האבן באצאלט פאר דאס הויז א נישטיגע הונדערט טויזענט דאלער, די חודש'ליכע מארגעדזש איז געווען **$600**, שפעטער איז דאס געווען בלויז **$404**, א דאנק די 'ריפיינענס' וואס איך האב געמאכט.

איך פערזענליך האב זייער נישט געגליכן דאס וואוינען און לעבנס - שטייגער פון א שטאט און כ'האב דערפאר שטענדיג געזוכט וואו מיר קענען זיך ארויס ציען צו א שטילע רואיגע פלאץ און קויפן דארט א פריוואטע הויז, אזוי ווי איך בין אויפגעצויגען געווארן.

זוכן א הויז צו קויפן איז אבער דאן נישט געווען אזוי גרינג ווי היינט, "זילא" האט נאכנישט עקזיסטירט און מען האט נאר געקענט וויסן פון נייע הייזער אויפן מארק, דורך די בראקערס. איך האב פארשאפט א "פעסווארד" צו די MLS, וואס א בראקער האט מיר פארטרויט. אבער טראץ דעם איז דאס נישט געווען אזא לייכטע עסק.

## די ערשטע זוכענישן און דורכפעלער

אין יענע תקופה, פאר בערך פופצן יאר צוריק, איז געווארן א שטיקל ווינט צו מופן צו די 'מילוועל לעין' געגנט, וואס איז היינט א נאנטער שכן פאר קאנטרי האללאו. האב איך אויך אנגעהויבן דארט זוכן הייזער.

איין טאג ווען איך בין דארט ארום געפארן, זעה איך א בראקער לייגט ארויס א שילד, "א הויז צו פארקויפן". איך האב נישט געוואלט ארויס לויפן פון קאר אים באפאלן, האב איך אפגעשריבן דעם נומער, און שפעטער אים אנגערופן. זאגט מיר דער בראוקער אז די פרייז וואס די הויז איז ארויס געשטעלט געווארן איז **$435.000**.

איך האב אים געבעטן אז איך וויל טוען די קומענדיגע שריט, און קומען זעהן דאס הויז, רעכענדיג, אז מ'קען האנדלן אויף די "עסקינג פרייז" און עס וועט עווענטועל זיין נאך ביליגער.

אבער עס גייט נישט אריבער א קורצע צייט, בלויז א פאר שעה שפעטער, און דער בראקער רופט מיך צוריק, אז ווי עס זעהט אויס האט ער געמאכט א טעות און ארויסגעשטעלט דאס הויז צו פארקויפן פאר צו ביליג, ווייל ער האט שוין באקומען עטליכע טעלעפאן רופן, און די פארשלאגן וואס ער באקומט איז איינס העכער פונעם צווייטן, ממילא, שטעלט ארויס ארויס דעם הויז נאכאמאל פאר די פרייז פון **$560.000**

איך האב זיך דאס נישט געקענט ערלויבן, כ'בין נישט געווען דער גרויסער פארדינער בימים ההם און ס'איז מיר דעריבער געווען קלאר



הרב ר' יואל וואגשאהל מיט'ן טראקטאר
גראבט אויס די בורות מי גשמים



יבואו טהורים ויתעסקו בטהורים: בא'חנ'טע קינדער
גראבן אויס די בור הטבילה אין ביהמ"ד



די באליבטע ביהמ"ד 13 דאללאס

אז דאס איז נישט פאר מיר און אזא סארט מהלך קען נישט פאר מיר ארבעטן. און איך האב ווייטער געזוכט וואו מען קען זיך ציען.

למעשה בין איך שוין ביי דעם פונקט געווען אביסל פארלוירן, אבער פארט האט מען נישט אויפגעהערט צו זוכן. מיר האבן דעמאלט געקוקט אויף די אומגעגנט פון 'קאנטרי האלאו', אבער ס'איז למעשה נישט צושטאנד געקומען צוליב זייטיגע סיבות.

שיינע אידישע שטאט.

אומר ועושה, מען האט אנגעהויבן זוכן א דירה. מיר רעדן דא פון צוויי דריי יאר פאר די '08 קראך, ריעל עסטעיט איז דעמאלט געווען זייער הויך. אבער פארט האב איך געשפירט אז דא וועט זיין א שיינע עתיד צו לעבן מיט א מנוחת הנפש.

כ'האב באלד אין אנהייב שוין געזוכט עפעס אויף דער קינגסוויל גאס, ווייל דאס איז די נענסטע צו ק"י, און נאנט צו סעווען ספרינגס ווי מיינע עלטערן שחי' וואוינען.

מיר האבן דאך דא אין בלומינגראוו, צוויי סארטן הייזער: פיצעלע און קליינע... 11 קינגסוויל איז געווען צו פארקויפן פאר די פרייז פון $325.000 אבער דאס איז געווען פון די פיצעלע הייזער, און עס איז אונז נישט געפאָלן, און אזוי האב איך זיך ווייטער דא ארומגעדרייט און ארומגעפארן. קוקנדיג אויף קינגסוויל, איז מיר אבער יא זייער געפאלן דאס הויז אויף 9 קינגסוויל. איך ווייס נישט געענוי פארוואס, אבער די קאליר מיט די ציגל איז מיר געפאלן.

איך, מיט מיין ברודער איציק נ"י, זענען געווען שכינים אין ק"י, ער האט דעמאלט געהאלטן ביים קויפן א הויז אויף חברון, און איך האב זיך ביי אים געבעטן, ער זאל קומען מיט מיר קיין בלומינגראוו. ער האט געלאכט פון מיינע חלומות, אבער איך האב נישט נאכגעלאזט, און אים כסדר געבעטן און געמוטשעט.

איין פרייטאג צופרי, זעה איך אז ס'איז ארויף געקומען אויפ'ן מארק צוויי הייזער צו פארקויפן, אויף די 'סען אינטאניא' גאס. איך בין יענעם שבת אריין געפארן קיין וויליאמסבורג. אויפ'ן וועג אריין רוף איך אָן איציק'ן און איך זאג אים, אז ער זאל מיר טוען א טובה, און גיין קוקן די הייזער אויף סען אינטאניא. ס'איז צוויי הייזער, איינס נעבן די צווייטע, מיר קענען זיך אפשר ביידע אהין ציען.

א קורצע ווילע שפעטער רופט ער מיר צוריק, אז די אויבנדערמאנטע הייזער זענען נישט אינטערסאנט פאר אונז. אבער זיך דרייענדיג אין די געגענט, האט ער געזען אויף 'קינגסוויל', ווי עס איז געשטאנען א פונדאמענט, מיט א "פאר סעיל" שילד, און ער זאגט מיר: "איך האב שוין אפילו גערופן דעם גוי, און מיר האבן שוין א דיעל. איך וועל אי"ה טרעפן פאר דיר אויך א הויז אויף די זעלבע גאס. און מיר ציען זיך קיין




## אנדעקט "בלומינגראוו" אויף דער מאפע...

אין א שיינעם טאג, זעה איך אויפ'ן קאמפיוטער די דעמאלטס'דיגע נייע ערפינדונג "גוגל מעפס", און דארט האב איך אויפגעפאסט אז אונטער די װאלד פון 'גאזאבא פארק', ביים ברעג פון קרית יואל, איז פארהאן א גאנצע שטאט מיט הונדערטער הייזער.

עס האט זיך פאר מיר געפענט א נייע וועלט, א חידוש וואס איך [און רוב ק"י] האבן נאכנישט געוואוסט... מיר האבן ערפינדען "בלומינגראוו"!

איך בין באלד אראפגעפארן אהין, און באלד געזעהן אז דאס קוקט אויס אי"ה א פאסיגע פלאץ פאר אידן צו וואוינען. איך געדענק די ערשטע מאל מיר זענען דא געווען, ווי איך האב געקלערט צו זיך אז דאס איז דאך זייער געאייגענט פאר אידן, דא וואלט זיך געקענט בויען א







א בליק אינעווייניג אינעם ערשטן ביהמ"ד אין די בעיסמענט

א סעודת סיום מסכתא אינעם ערשטן ביהמ"ד

בלומינגראוו"...

איך האב דאך שוין געהאט געלייגט אן אויג, אויף 9 קינגסוויל, האבן מיר אינטערגעשיקט א בראקער, און נאך אפאר חדשים פארהאנדלען האבן מיר געשלאסן דעם מקח, פאר די סומע פון $312.000.

ווינטער תשס"ז איז געווען די צייט וואס די השגחה עליונה האט אונז אהערגעשיקט און מיר האבן זיך בעז"ה אריסגעצויגן קיין בלומינגראוו.

דאס ערשטע אידישע קערענדל איז איינגעפלאנצט געווארן אין דאס שטעטעלע בלומינגראוו.

חכמת נשים בנתה ביתה: די וועלט זאגט א ווערטל, "אונטער יעדער געלונגענער מאן, שטייט זיין ווייב" איך קען זאגן מיט א פולע מויל. אז מיין אידענע איז געשטאנען צו מיין רעכטע האנט, און אלע צייטן, עס איז נישט אלעמאל געווען אזוי גרינג. אבער זי האט מיר געשטיפט און מחזק געווען.

איך געדענק ווען מיר זענען דאס ערשטע מאל, ארויף געפארן דעם בארג פון דועלק, האט מיין אידענע זיך אנגערופן צו מיר, "דאס איז דאך א הערליכע שטאט, די פלאץ איז ממש געאייגנט פאר אידישע משפחות"

און זי האט טאקע שווער געארבעט די גאנצע ניין יאר, און עס איז מיר געווען א געוואלדיגע הילף אנצוגיין, האבענדיג א עזר כנגדו, וואס האט די ריכטיגע שכל און פארשטאנד, אז עס לוינט זיך דורך צו גיין די שוועריקייטן, כדי אויפצובויען א נייע אידישע ישוב.

## די ערשטע תקופה מיט 13 יאר צוריק

לכתחלה זענען מיר געגאנגען מיטן חשבון אז ס'קען זיין עס וועט זיך נישט אויסארבעטן, און עס איז מעגליך אז מיר וועלן זיך דארפן צוריק ציען קיין ק"י. איך האב אפילו נישט צופיל איבערגעבויעט, פשוט ווייל איך האב נישט געהאט דאס געלט.

איך האב זיך אריין געצויגן עטליכע וואכן פאר פורים צייט, ווידעראום מיין ברודער האט דעמאלט געענדיגט בויען זיין הייזקע, און אויב איך געדענק גוט, האט ער זיך געצויגן אויף פסח, אזוי אז איך בין נאר דא געווען "אליינס" די ערשטע עטליכע וואכן, אלס דער איינציגסטער איד אין דער גאנצער געגנט.

אין די שבתים פלעגן מיר געווענליך גיין דאווענען צו אונזער טאטע שליט"א, - הגם עס איז געווען נענטערע שולן, ווי אין דער עצי תמרים געגנט, וואו איך פלעג טאקע אויך דאווענען אסאך מאל, און ב"ה מען האט זייער הנאה געהאט פון דאס רוואיג און שטיל לעבן.

כ'דערמאן זיך יעצט. איין יאר ערב שבת זכור, האט זיך אראפגעלאזט א גרויסע שניי, פון דריי פיס הויך. האב איך אנגערופן מיין ברודער בעפאר שבת און איך זאג אים אז עס קוקט נישט אויס אז מיר קענען גיין אין שול דעם שבת. אבער נאכ'ן אראפלייגן דעם טעלעפאן טראכט איך צו מיר, עס איז דאך זכור, וואו איז א 'דאורייתא', ווי קען מען זיך ערלויבן דאס צו פארפאסן. למעשה האבן מיר זיך טאקע גוט אנגעפעלצט און געמאכט דעם שווערע טעג אין שול.

פונעם ערשטן טאג דא, האב איך ב"ה קיינמאל נישט געהאט פראבלעמען מיט קיין איין געשעפט, אלע געשעפטן פלעגן דעליווערן אהער געהעריג. ווידעראום מיט באסעס פאר די קינדער איז אין אנהויב יא געווען א פראבלעם, דאס ערשטע יאר, ווען מיין זוהן איז נאכנישט געווען קיין פינף יאר אלט, האב איך אים געטראגן און געברענגט יעדן איינציגן טאג אין חדר.

ווען איך האב זיך אהער געצויגן, האב איך געמאכט מיין אפיס ביי מיר אינדערהיים, אז מיין משפחה זאל נישט דארפן זיין אליינס דא אין די פרעמד, און אזוי במשך 9 יאר האבן מיר דא געוואוינט צוויי-דריי אידישע משפחות אליינס.







מיין שוואגער, הר"ר משה האלפערן שליט"א, האט זיך געצויגן אהער בערך זעקס יאר נאך מיר. נאך וואס ער פלעגט קומען צו מיר פאר שבתים, און דאס פלאץ איז אים זייער געפאלן, איז ער איז געקומען צום טעם זיך דא צו באזעצן.

מיין שוואגער רבי משה, האט זיך אנגעפאנגן אריין צולייגן אהער צו ברענגען אידישע משפחות, עס דארף פארצייכנט ווערן, אז א גרויס חלק, פון דעם פאקט אז בלומינגראוו איז היינט א אידישע שטאט, קומט זיך קרעדיט פאר רבי משה'ן, ער האט שווער געארבעט דערפאר, ס'איז טאקע געווען מתן שכרו בצדו, אבער מיר דארפן זיין דאנקבאר פאר אים, פאר זיין הארוואניע, צו פארוואנדלען בלומיגראוו אין א אידישע ישוב.

## דאס ערשטע בית המדרש און דער וואוקס פונעם ישוב

עטליכע יאר נאכן זיך ציען אהער, האט מיין ברודער איציק נ"י, זיך געצויגען קיין לעיקוואוד, און מיין אנדערער ברודער, הר"ר מענדל נ"י, האט זיך אריין געצויגען אין זיין דירה.

דארט אין יענע הויז, איז געווען א בית



א רוטינע מנחה אין ביהמ"ד אויף 13 דאללאס

המדרש וואו מיר פלעגן אין די ערשטע יארן, ברענגען געסט אויף די הייליגע טעג, און אזוי אין אנדערע צייטן, און אזוי האבן מיר געהאט א שיינע מנין. דערנאך האבן אידן זיך אריינגעצויגען אויף מאונטען רד. און אויף די קליף גאס. דעמאלט האבן מיר שוין ב"ה געהאט אן אייגענע מנין.

פאר בערך פיר יאר צוריק, האבן נאך אידן זיך אנגעפאנגען אהער צוציען. איך געדענק דער ערשטער איז געווען הר"ר יצחק שווארץ הי"ו. איך פלעג הענגען א 'ברוך הבא' צעטיל ביי אונז אין שול אויף קינגסוויל פאר יעדע נייע איינוואוינער וואס האט אהער געמופט...

איינמאל עס האט זיך אנגעפאנגען, איז עס שוין געגאנגען זייער שנעל, אידן האבן אנגעפאנגען צו קויפן דא הייזער אין די מאסן.

איך האב געהאט אפגעשאצט, אז עס וועט דויערן צען יאר, ביז אידן וועלן זיך אהער ציען. למעשה האט עס געדויערט בלויז ניין יאר, אבער איינמאל עס איז באקאנט געווארן אז דא איז דא הייזער צו פארקויפן פאר א גוטע פרייז, - נאכ'ן 08' קראך זענען פרייזן זייער געפאלן און מ'האט געקענט דא קויפן הייזער פאר 200-250 הונדערט טויזענט- האבן אידן אנגעהויבן קויפן רעכטס און לינקס, אין אלע זייטן פון דער שטאט.

## זיסע זכרונות פון בית המדרש אויף דאללעס רד.

אזוי ווי עס איז שוין געווען היימישע משפחות, צעשפרייט אויף אלע גאסן אין די 'ווארלע הייטס' געגנט. האט מען געזוכט וואו מען קען מאכן א שול, עס זאל זיין אין צענטער.

א חשוב'ער אינגערמאן, הר"ר יואל זיגעלמאן הי"ו, האט דעמאלט געקויפט דאס הויז פון 13 דאללעס, און געהאט א פלאן צו מאכן דארט א שול, למעשה האט ער זיך געצויגן קיין וואדבארי. אבער די שול האט מען געעפענט דארט אין בעסמענט. עס איז געווען א פאסיגע לאקאציע. אין צענטער פון די געגענט.

די שול איז אין אנפאנג געווען א האלבע קעלער, זייער שנעל איז דאס אויסגעוואקסן. און מ'האט נישט דארט געקענט רירן. מ'פלעגט ממש שטיין אויפן גאס. אבער פונעם ערשטן טאג, איז געווען א געוואלדיגע אחדות און ברידערשאפט, ממש ווי איין משפחה. די ערשטע יאר, ימים נוראים האבן מיר געדאווענט אויף 9 דאלעס אין דיינינג רום - דארט וואו עס איז היינט דער הויפטקווארטיר פון בלומינג ריעלטי - עס איז געווען זייער שיין און דערהויבן.

איך געדענק טאקע שמחת תורה, וויאזוי מיר זענען געטאנצן א קנאפע מנין אידן, פאר שעות לאנג מיט א מורא'דיגע שמחה און התלהבות, ביז אין דער נאכט אריין.

די שול איז געווארן א מקום תורה ותפלה, א ווארימע חסיד'ישע בית מדרש מיט אלע מפרשים. שפעטער איז געווען א מנין אינדערוואכן צופרי און ביינאכט, מיט שיעורי תורה. איך האב פארגעלערנט אינדערפרי און הרה"ח רבי שאול יודא מענדלאוויטש שליט"א ביינאכט.

דא ברויך טאקע דערמאנט ווערן לשבח, דעם רוח החיים פונעם שול, הרה"ח רבי שאול יודא מענדלאוויטש שליט"א, וועלכער האט זיך אוועקגעגעבן לייב און לעבן פאר די הצלחה פונעם שול. ער האט זיך ממש מקריב געווען מיט אומבאגרייפליכע כוחות, געלט, צייט און מסירת נפש, צו שטיין בראש פון דאס בית המדרש און באגלייטן אלע טעכנישע און פינאנציעלע דעטאלן מיט א געוואלדיגע געטריישאפט, אז עס זאל זיין א שטאטישע בית המדרש פאר אלע תושבי העיר.

ר' שאול יודא האט דעמאלט געארבעט שווער פיזיש און גייסטיש, אז דאס בית המדרש זאל פארווירקליכט ווערן. ער האט געשאפט גרויסע סומעס געלט, און מיט די אייגענע הענט געגראבן און געבויעט דעם שול. עס איז אפילו געווען איינמאל וואס ער האט געדארפט צוקומען צו מעדעצינישע הילף, ווייל ער האט אריינגעאטעמט זאמד בשעת'ן בויען די מקוה.

באזונדער האט רבי שאול יודא געדינט ווי דער שיינער איד, געזאגט תורה, און פארגעלערנט שיעורים. ער האט זיך אויסגעצייכנט אויפצונעמען יעדן מתפלל בסבר פנים יפות, והיינו דאהני לי' אז די שול איז געווען צוזאמען געשטעלט פון אלע סארט מענטשן פון אלע שיכטן און קרייזן און פארט האט יעדער האט זיך



די ערשטע שריט פונעם ווילעזש צו שטערן דעם ביהמ"ד מיטן לייגן בלאקערס אפצושפארן די פארקינג שטח פונעם ביהמ"ד, דער נארוואס געשטארבענער טראסטי מולעיני ביים באאבאכטן די ארבעט




SUPREME COURT OF THE STATE OF NEW YORK
COUNTY OF ORANGE

VILLAGE OF SOUTH BLOOMING GROVE,

Plaintiff,

-against-

ISREAL ZIGELMAN, CHESTER MERTZ, SAAL MENDLOWITZ and "JOHN DOES AND JANE DOES 1-10",

Defendants.

ORDER TO SHOW CAUSE

Index No. EF004368-2018
Assigned Judge: Hon. CATHERINE M. BAR

UPON READING AND FILING the Affidavits of Jeanne Ovensen, the Village Code Enforcement Officer of the Village of South Blooming Grove, New York and of the Village Special Counsel Dennis E. A. Lynch, Esq. and upon all the pleadings and proceedings had herein, let the Defendants show cause at a term of this Court to be held on the 26th day of April 2018 at 9:30 a.m. or as soon thereafter as Counsel can be heard at the Orange County Courthouse, 285 Main Street, Goshen, New York why an Order should not be issued pursuant to Village Law § 7-714 granting Plaintiff a Preliminary Injunction and thereafter a permanent injunction prohibiting Defendants and any others from continuing with construction activities as well as any use or occupancy of the subject Premises at 13 Dallas Drive, South Blooming Grove, New York; together with such other and further relief as this Court may deem just and proper, and it is further

ORDERED that pending the Hearing and determination of this application together with Notice of Entry of any Decision thereon, that a Temporary Restraining Order be issued against the Defendants and any agents or others to be enjoined, restrained and otherwise prohibited from construction activities at the Premises known as Tax Map Section 215, Block 6, Lot 3 which

# דרכי בית המדרש אבילות מבלי באי מועד...

געפילט דאס מערסטע היימיש און באקוועם.

אזוי ווי ס'איז נישט געווען קיין פלאץ צו דאווענען ווייל עס האבן געהאלטן און איין מופן נאך אינגעלייט, האט מען מטכס עצה געווען וואס טוט מען דא ווייטער. עס איז געווען א פלאן אראפ צונעמען די טרעפ, און זיך אויסשפרייטן איבערן גאנצן בעיסמענט און נאך אנדערע פלענער.

דא האט זיך אנגעפאנגען די פראצעדור פון ארויסנעמען לעגאלע פערמיטן.

איך האב דעמאלט געזאגט פאר רבי שאול יודא, אז איך קען די באהערדע דא, און זיי וועלן אונז נישט גיבן קיין פערמיט, האב איך אים דעמאלט פארגעשלאגן, אז א שול - וואס איז א רעליגיעזע אָרט - קען די רעגירונג, לויט די פעדעראלע געזעץ, נישט אפהאלטן פון בויען. מען ברויך זיי בלויז אויפווייזן, אז אלעס איז געבויט מיט די זיכערהייט פארשריפטן און דאס קען מען אויפווייזן דורך אַן אייגענע אינזשעניר.

אזוי האט מען טאקע געטון, מען איז צוגעטרעטן צו די ארבעט. מען האט אויסגעהאקט די גאנצע אויבערשטע שטאק, און אויף די הייליגע טעג פון שנת תשע"ח לפ"ק האט מען שוין געדאווענט אויבן. עס איז געווען א הערליכע, לעכטיגע און רחבת'דיגע שול, די תפלות זענען אפגעראכטן געווארן מיט א מורא'דיגע ווארימקייט און געשמאק, די ימים טובים און הקפות זענען געווען זייער ליסטיג און דערהויבן.

## מען גראבט א מקוה מיט די הענט

א געהעריגע מקוה איז נאך דאן נישט געווען אין די גאנצע שטאט. דערווייל האט מען גענוצט א פראוואזערישע מקוה אויף גרין רד. וואס איז געווען זייער נישט צו דער זאך, מ'האט זיך געדארפט אראפלייגן בפישוט ידים ורגלים, צו כאפן א טבילה. איז ר' שאול יודא איז דעמאלט אריינגעשפרינגען אין א פראיעקט צו בויען א מקוה אין דאס בית המדרש אויף דאללעס.

א גרויס חלק פון די ארבעט איז געטוען געווארן דורך אינגעלייט און בחורי חמד, תושבי עירנו. עס לאזט זיך נישט זאגן מיט וויפיל אנשטרענגונג דאס איז אנגעקומען, ווייל א פערמיט האט מען דאך נישט געקענט באקומען, איך געדענק נאך דאס בילד ווי עס זענען געשטאנען די טייערע עסקנים און פשוט געגראבן מיט די הענט א גרויסן 'בור', אידן זאלן זיך קענען טובל'ן אין א כשרע מקווה.

עס האט געדויערט עטליכע וואכן אויסצוגראבן די זאמד און שניידן דעם פונדאמענט. דעם בור מי גשמים האט איך געגראבן מיט מיין אייגענעם טראקטאר. הר"ר משה וואלף יאקאבאוויטש הי"ו האט דעמאלט מנדב געווען די 'טיילס' פאר די מקווה, און הר"ר יוסף ברוך רייך הי"ו האט מנדב געווען דאס פעינטן, און אזוי האט מען מיט די צען פינגערס אויפגעשטעלט א שיינע מקוה וואס איז געעפענט געווארן אויף פסח שנת תשע"ח לפ"ק, צו דער פרייד פון אלע תושבי השכונה.

## דרכי בית המדרש אבילות מבלי באי מועד...

געווען איז דאס די ערשטע אפיציעלע מקוה פאר די גאנצע געגנט, און מען האט ארויסגעקוקט אז מען וועט אסאך נהנה זיין פון דעם מקום תורה ותפלה, וואס איז אוועקגעשטעלט געווארן מיט אזויפיל הארעוואניע דורך ר' שאול יודא, מיט די אנדערע געטרייע עסקנים.

ליידער האט דאס אבער אנגעהאלטן אויף גאנצע דריי וואכן! וואס די מקוה איז געווען אפן און באדינט אלע מתפללים און איינוואוינער פון דער געגנט.

אבער בלויז צוויי וואכן נאך פסח, איז פלוצים אנגעקומען א "קאורט ארדער" אז דאס גאנצע בנין דארף אפגעשפארט ווערן, אדאנק די אינטערווענץ פון דעם דעמאלטיגן פריש ערוועלטער מעיאר, דזשעימס לא פרענקאו, וואס האט ממש דעמאלט געווינען א טערמין, און האט ווייזט אויס גענומען אלס זיין ערשטע פריאריטעט זיך צו אפרעכענען מיט זיינע אידישע איינוואוינער.

די צייט אפשניט פון בערך צוויי יאר, וואס מ'האט גענוצט די שול, וועט געדענקט ווערן ביי תושבי בלומינגראוו אלס די שווערסטע אבער שענסטע צייט. מיר זענען דעמאלט געווען די גאנצע געגנט אונטער איין דאך. דאס דאווענען און לערנען, ווי אויך מלוה מלכה'ס און אנדערע מסיבות, איז אפגעראכטן געווארן מיט'ן פולסטן ווארימקייט און געשמאק.

אצינד האט מען אבער ליידער געדארפט צוזען ווי דאס גאנצע בלוט און שוויס, געלט און ארבעט, פון די געטרייע עסקנים איז פשוט געגאנגען לטמיון. דאס בית ה', דאס מקדש מעט, וואס איז געווען א צענטער פונקט פאר די גאנצע געגנט, איז הערמעטיש פארשלאסן געווארן, און צום געוואלדיגן ווייטאג שטייט דאס נאך עד היום הזה פארהאקט אונטער שלאס און ריגל, אין יוצא ואין בא.

אייגנטליך האט דער מעיאר שוין עטליכע חדשים בעפאר, געזוכט צו אפשטעלן און צושפארן דאס בית המדרש, אבער דעמאלט האב איך געהאט די זכי' זיך צו אויפשטעלן

ביים ׳ווילעדזש מיטינג׳ און אים עפענטליך פארגעהאלטן, און היות עס איז געווען הארט פאר די וואלן, האט ער נאכנישט די מעגליכקייט צו דורכפירן אזעלכע ווילדע שריט.

די דרייסטע ארויסטריט האט ב״ה אפגעשטופט די גזירה מיט אומגעפער א האלב יאר, אבער נאכדעם וואס דער מעיאר איז למעשה יא ערוועלט געווארן, האט ער זיך טאקע גענומען צום בית המדרש און דאס אפגעשפארט מיט׳ן איינציגן מטרה, צו צעברעכן דעם כח פון די אידישע געמיינדע, און צופרידנשטעלן די שונאי ישראל פון דעם טאון.

עס לאזט זיך נישט זאגן וואספארא קלאפ דאס איז געווען פאר יעדן יחיד פון די תושבי העיר. דא האט מען געלייגט אזויפיל האפענונג, אז עס הייבט זיך אָן א נייע תקופה פאר די געגנט, מען האט אינוועסטירט אזויפיל כוחות, אזויפיל געלט, און אזויפיל פלאג, צו אהערשטעלן דאס בית המדרש און די מקוה, און דא פלוצים טרעפט מען זיך אן קיין דאך איבער׳ן קאפ. עס האט זיך געשפירט א פארלוירנקייט און צעבראכנקייט וואס מען קען גארנישט שילדערן.

איבערהויפט איז דאס געווען ממש ווי א מעסער אין רוקן פאר די חשוב׳ע עסקנים, אין שפיץ פון ר׳ שאול יודא, וועלכע האבן דאך אזויפיל געטון פאר דאס פלאץ און דא האט מען פלוצים אלעס צוניש געמאכט מיט אזא רשעות און אפענע שנאה. די ווייטאג איז געווען זייער גרויס.

מען האט פרובירט דאס צו באקעמפן אין געריכט און ס׳איז אפילו פארגעקומען עטליכע ״קאורט קעיסעס״, אבער ס׳איז געווען א פארלוירענע קאמף ווייל איינמאל די בולדינג אינספעקטארס זענען אריין אין דעם בנין, האבן זיי שוין געטראפן פרישע פארלעצונגען און ווייעלעישענס אויף טריט און שריט, און דאס געריכט האט נישט געוואלט דאס צוריק לאזן עפענען.

עס איז וויכטיג צו באטאנען, אז פון די ערשטע מינוט האבן מיר פראבירט זיך דורך צוקומען מיט די שטאטישע באאמטע. מיר האבן עטליכע מאל פראבירט ארויס צו נעמען א לעגאלע פערמיט. אבער זענדיג ווי זיי האלטן זיך שטייף, אבער מיר זיך באניצט מיטן פעדעראלע געזעץ אז א רעליגעזע פלאץ, קען מען בויען אן א פערמיט.

אויך נאכן פארשפארן האבן מיר זיך געבעטן, אז מיר וועלן פארערכטן אלעס וואס זיי בעטן, אז מען זאל צוריק קענען עפענען די שול, די באהערדע מיט זייער אדוואקאטן האבן אבער אונז באקעמפט זייער שארף אין געריכט, און נישט געלאזט עפענען דאס שול בשום אין אופן.

## מען שפרייט זיך אויס אין אנדערע קלענערע בתי מדרשים

בלית ברירה האט מען זיך דעמאלט אויסגעשפרייט אין עטליכע קלענערע בתי מדרשים. הרב אברהם שלמה מארגענשטערן שליט״א האט געעפענט דאס שטראמאשער בית המדרש, הרב מאיר בערקאוויטש שליט״א האט דעמאלט געהאט א מנין ביי זיך אינדערהיים, אזוי אויך איז געווען א מנין אין שטוב פון הר״ר יואל סאאל נ״י אויף 37 דעללעס, און א חלק ציבור האט זיך קובע געווען אין בית המדרש ראדאוויץ. מען האט זיך אסאך געמוטשעט ביז מען איז געקומען אל המנוחה ואל הנחלה.

דאס מערהייט פון די מתפללים, האבן קובע געווען זייער מקום צו דאווענען ביי הר״ר יואל סאאל נ״י אינדערהיים, און דא דארף דערמאנט ווערן לשבח, אז רבי יואל האט אוועקגעגעבן זיין שטוב אז אידן זאלן האבן וואו צו דאווענען, און ער האט דאס געטון מיט א ברייט הארץ. ער האט צוגעשטעלט אלעס אויפן שענסטן און בעסטן. כסא, שלחן ומנורה על צד היותר טוב.

די שטוב וואו מ׳האט געדאווענט איז געווען אן עקסטענטשאן וואס איז נאכנישט געווען פארטיג, ר׳ יואל האט דאס שנעל פארענדיגט, אז עס זאל זיין ראוי פאר א בית ה׳. השי״ת זאל באצאלן אים מיט זיין בני בית מיט כל מילי דמיטב.

ספעציעל וועט געדענקט ווערן די תפילות פון די ימים נוראים דארט אין יענעם ביהמ״ד. הרה״ג רבי מאיר בערקאוויטש שליט״א און אני הקטן האבן געדאווענט פארן עמוד ר״ה און יום הק׳, און דאס דאווענען איז אפגעראכטן געווארן אויף זייער א ווארימען און דערהויבעם פארנעם. דער עולם האט געשפירט א התעלות דקדושה פון די געשמאקע און התעוררות׳דיגע דאווענען.

ווי אויך די הקפות יענעם שמחת תורה איז געווען לעילא ולעילא, ווען דער רב הרב רבי מאיר שליט״א, האט אנגעפירט די ריקודין מיט א חיות אין ברען, עס איז געווען גאר פרייליך און ליבליג.

דאס ביהמ״ד האט אזוי פונקציאנירט ביז אנהויב ווינטער תשע״ט לפ״ק, ווען הרה״ג רבי מאיר בערקאוויטש שליט״א האט אפגעקויפט דאס הויז אויף 20 דאלעס און מייסד געווען דעם בית מדרש אמרי פנחס ד׳קאריץ. דאן האט זיך די שול אריבער געצויגן אהין.

אבער עד היום הזה איז פארבליבן ביי אונז אלע אין הארץ די געוואלדיגע חלל און ווייטאג פון דאס אפגעשפארטע בית המדרש אויף 13 דאלעס. יעדעס מאל ווען מ׳פארט דורך דעם אדרעסע גיבט דאס א ציפ אין הארץ. דאס איז דאך דאס פלאץ וואו עס איז געשטאנען די צענטראלע בית מדרש פון אונזער געגענט א מקום תורה ותפלה, א מקום טהרה, וואס שטייט איצט פיסט און פארוויסט.




אין די סטרי פון:

**אֵת כָּל הַתְּלָאָה אֲשֶׁר מְצָאָתְנוּ...**

# השתלשלות השתדלנות

## להציל עשוק מיד עשקו; ליסטעס און קאנדידאטן ב"ה פולקאם באשטעטיגט

אריינטרעטנדיג אין דעם לעצטן ענדגילטיגן שטאפל בעפאר די דעצידירנדע קומענדיגע וואלן פאר די שליסל פאזיציעס אין די ווילעדזש ראנגען, האבן די געטרייע שתדלני הכלל נאך פרובירט אין דעם לעצטן מינוט צו הערן אויב דער אמטירנדער מעיאר דרוקט אויס סיי וועלכע גרייטגקייט צו זיצן און זיך דורכקומען מיט די אידישע קהלות אין שטאט.

אויך נאך דעם זיצונג ערש"ק פרשת יתרו אין די שפעטע נאכמיטאג שטונדן - ווען דער מעיאר האט געלאזט הערן א שטייפן "ניין!" צו דעם גלענצעדן פארשלאג אז אלע מעיאר קאנדידאטן זאלן ארויסגיין פונעם פארמעסט, אין אויסטויש פאר אונזערע פשוט'ע מינימאלע געברויכן - האט מען נאך אבער פארט געוואלט האפן אז אפשר דאך וועט דער מעיאר זיך איבערגעקלערן און זיך בארעכענען נישט צו אפזאגן אזא איינמאליגע ויתור פון אונזער זייט, צו קענען געניסן פון א פרייען וועג ווען קיינער וועט נישט שטערן זיין קאנדידאטור אלס פארזיכערטער מעיאר אין שטעטל.

אין לויף פון די נאכפאלגענדע וואך, מאנטאג, דינסטאג און מיטוואך תרומה, האט מען נאך פרובירט טאפן דעם דופק אויב עס איז בכלל דא מיט וועמען צו רעדן אין דער ווילעדזש פירערשאפט, אבער צום באדויערן האט מען געפינען די זעלבע שטייפע וואנט צו וואס מען איז ליידער צוגעוואוינט די לעצטע צוויי יאר.

שטייענדיג ביי אזא קריטישע ווענדפונקט האבן די אחריות'דיגע עסקנים ווירקליך אריינגעגעבן אלע נויטיגע דאקומענטן, אלע פעטיציעס, אקצעפטירונג פארומס, און פאול וואטשערס קאנדידאטן. א ספעציעלע געוויכט איז געלייגט געווארן אז די דאקומענטן זאלן טאקע נאכקומען אלע נויטיגע פארשריפטן הונדערט פראצענטיג, און ב"ה אז די איבערמידליכע ארבעט איז געווען קענטיג פארגאנגענע וואך מיטוואך, ווען אלע 'בעלעטס' וואס דער באורד האט אריינגעגעבן זענען ב"ה באשטעטיגט געווארן אלס "וואליד", קראנט און שטאנדהאפטיג, און אלע קאנדידאטן וואס דער 'באורד' האט אריינגעגעבן פאר די מעיאר און ווילעדזש טראסטי פאזיציעס זענען ב"ה אינעם פארמעסט.

פארשטענדליך אז די "גוטע פריינד" פאר אידן אין בלומינגראוו שלאפן נישט, און מאנכע אינערהאלב דעם 'ווילעדזש האלל' האבן פרובירט צו אריינגעבן אן א.ג. 'אבדזשעקשענס' דורך טרעפן לעכערליכע טענות און אויסריידן פארוואס אונזערע ליסטעס זאלן גע'פסל'ט ווערן היל"ת.

די עלעמענטן האבן דערפאר געשיקט צוויי באזונדערע ווענדונגען צום 'באורד אוו עלעקשאנס פון אראנדזש קאונטי' אז אונזערע פעטיציעס זענען נישט אויסגעהאלטן געזעצליך און דערפאר זאלן די נעמען נישט אריינגעשטעלט ווערן אלס טייל פון די קאנדידאטן.

דא האט מען אבער געזען די געוואלדיגע סייעתא דשמיא וואס באגלייט ב"ה דעם ציבור ווען די באורד אוו עלעקשאנס האט קאטעגאריש צוריקגעוויזן זייער פארלאנג און הילכיג ארויסגעשליידערט אלע זייערע טענות, אנצייגענדיג אז די גאנצע הונטערגרינד פון די אלע טענות איז באזירט אויף פיסטע און זינלאזע נארישקייטן. דעריבער זענען אלע 'בעלאטס' זענען פולקאם געזעצליך און די קאנדידאטן זענען אויפ'ן 'בעילאט', ולא ינוח שבט הרשע על גורל הצדיקים.

## על פי הגורל; די צוויי ליסטעס אויפ'ן שפיץ...

פאלגענד איז אַן אינטערסאנטע אנעקדאַט וואס האט זיך נארוואס אפגעשפילט די פארלאפענע וואָך אין די ראמען פון די בעפארשטייענדע עלעקשאנס פיבער:

ביי יעדע וואלן פארמעסט אומעטום וואו עס לויפן קאנדידאטן פאר אפיציעלע פאזיציעס, איז אייביג פארהאן א רעדע וויאזוי עס זאל זיין אויסגעשטעלט די ליסטע פון קאנדידאטן, ווער עס זאל זיין די ערשטע אין די רייע, ווער דער צווייטער, און אזוי ווייטער.

קאנדידאטן זוכן אלס צו זיין דער ערשטער, אדער פון די ערשטע אויפ'ן 'עלעקשאן בעילאט', ווייל געווענליך איז דער כלל אז די נעמען אויבן אויף די ליסטע האבן פיל בעסערע שאנסן צו ווערן אויסגעקליבן דורך אומוויסנדע וויילער א.ד.ג. ווידעראום די נעמען וועלכע זענען צום לעצט זענען אפט 'ידם על התחתונה' פשוט דערפאר ווייל זיי געפינען זיך אונטן פונעם צעטל און זענען נישט מערקבאר פאר'ן אלגעמיינעם וויילער.

וויאזוי באשליסט מען אבער וועלכע נאמען זאל גיין צוערשט ? איז דעריבער איינגעפירט אין מערסטנס מוניציפאליטעטן אן 'הגרלה' סיסטעם, נעמליך מען פירט דורך אן אפענע גורל און וועלכע קאנדידאט עס קומט ארויס ערשט ווערט ארויפגעשטעלט העכער אויף די ליסטע פון דעם 'בעלאט'.

ווי דער ציבור איז שוין אינפארמירט געווארן האט די קאמיטע פון די יו. דזשעי. סי. אריינגעגעבן, צו די קומענדיגע עלעקשאנס, צוויי באזונדערע פעטיציעס מיט באזונדערע נעמען פון אנדערע קאנדידאטן. וואס וועט האפענטליך זיין א געוואלדיגע תועלת פאר די קריטישע וואלן פארמעסט.

אזוי ווי די צוויי ליסטעס דארפן זיין אונטער נעמען פון צוויי באזונדערע פארטייען, האבן די עסקנים אריינגעגעבן איין ליסטע אונטער'ן נאמען RSBM, צו מעורר זיין זכותו פון הייליגן רבי ישעי'לע מקערעסטיר, רבי ישעי' בן רבי משה זי"ע, און דאס צווייטע ליסטע איז אונטער'ן נאמען RLYBSS, צו מעורר זיין זכותו פון הייליגן בארדיטשוב'ער, רבי לוי יצחק בן שרה סאשע זי"ע, סנגורן של ישראל.

פארגאנגענעם מיטוואך פרשת משפטים, איז געווען די באשטימטע טאג ווען מען האט ארויסגעצויגן די הגרלה, וועלכע ליסטע זאל באקומען דעם אויבן - אָן, ווער עס זאל זיין דער קומענדיגער און ווער עס זאל זיין אויפ'ן שוואכסטן ארט גאנץ פון אונטן.

האט זיך ארויסגעשטעלט א העכסט אינטערסאנטע זאך, ווען די ערשטע ליסטע איז ארויסגעקומען RSBM, ווידעראום די צווייטע ליסטע איז ארויסגעקומען RLYBSS, און הערשט צום לעצט איז געווען די אמטירנדע ליסטע פון די העצערישע עלעמענטן וועלכע ווילן חלילה שטערן דעם אידישן וואוקס דא אין געגנט פאר יעדן פרייז.

אזא אפענע סייעתא דשמיא איז טאקע געווען א געוואלדיגע חיזוק פאר די עוסקים בצרכי ציבור באמונה, וועלכע האבן געשפירט דערינען ווי א ווינק פון הימל אז מען טוט די ריכטיגע זאך און מען וועט בעז"ה ווייטער באגלייט ווערן מיט הצלחה און סייעתא דשמיא ממעל.

אצינד, מיט בלויז געציילטע וואכן פארבליבן, שפאנט מען ווירקליך אריין אין דעם קריטישן וואַל - סעזאן מיט אויפגעהויבענע אויגן צום הימל, ועינינו מצפות ומייחלות ווייסנדיג אז "אין לנו על מי להשען אלא על אבינו שבשמים", מיט די האפענונג און תפלה אז אין דעם פרייליכן חודש אדר זאל מען שוין דערלעבן צו זען דעם 'ונהפוך הוא אשר ישלטו היהודים המה בשונאיהם", לויט די הוראה און ברכה פון די גדולי הרבנים הגאוה"צ שליט"א וואס לאורם נסע ונלך.

8

# בימים ההם בזמן הזה...

גייסטרייכער שמועס מיט הרבני החסיד
מפאר ישישי הדרה תושבי קרית יואל לאוויושט"א
מוה"ר **חיים הערש ליימזידער** שליט"א
לעגענדארער פיאנער און בויער פון דער שטאט "קרית יואל"
בראשית ימי' בשליחות הקודש פון רבינו הק' זי"ע



## אינפארמאטיווע פאקטן, אינהאלטספולע זכרונות און באלערנדע אנעקדאטן

**איבער די געטרייע דרכי השתדלות אויף אלע פראנטן, מיט דער ברכה און באגלייטונג פון רבינו הק' זי"ע, טראץ די אומגעהויערע שוועריגקייטן און פארוויקלטע קאמפליקאציעס, און איבער דעם ריכטיגן מהלך וויאזוי צו זיך דורכקומען מיט די שכינים אין גלות, בימים ההם בזמן הזה, בכוחו ובזכותו של אותו צדיק.**

**מיר זעצן פאָר מיט נאך א קאפיטל אין די גאר אינפארמאטיווע און תוכנ'פולע זכרונות, לויט ווי מיר האבן עס געהערט אין אונזער אינהאלטסרייכע שמועס מיט הרב החסיד המרומם רבי חיים הערש שליט"א, און ווי עס איז אויספירליך געשילדערט אין דעם ספר "קרית מלך רב" ח"ב, איבער די וואונדערליכע השתלשלות הענינים וויאזוי די שלוחי דרחמנא פון רביה"ק זי"ע האבן בהדרכת קדשו דורכגעפירט די לעגאלע און געריכטליכע קאמף צו זיך אפטיילן פון די גוי'אישע טאון דורך באקומען די געזעצליכע רעכט צו אן אייגענע פירערשאפט וואס זאל אפשטעלן די רדיפות פון די שונאי ישראל קעגן דעם אידישן וואוקס.**

## פרישע אדוואקאטן אויפגענומען

ווען אונזער אפיציעלער לויער מארקאוויטש האט געזען דעם גאנצן בילד, האט ער געמוזט מודה זיין אז דא האנדלט זיך אין א שווערן קעיס. עס איז געווען קלאר אז אונזערע שונאים זענען גרייט זיך צו שלאגן לכל אורך הדרך, און ער האט געשפירט אז דער טאון און מאנרא האט צופיל כוחות אויף זייער זייט, אזוי אז ער איז נישט בכח אליינס צו קענען פירן אזא פארצווייגטן קעיס.

מיר האבן דאן מחליט געווען אז מיר וועלן צונעמען נאך געניטע אדוואקאטן וואס זאלן ארבעטן אינאיינעם אויף אונזער זייט. מיר האבן געמאכט חקירות ודרישות און מיר האבן באקומען גוטע אינפארמאציע אויף א פירמע מיט'ן נאמען 'נארמאן ענד העללער' פון אלבאני, וואס זיי האבן שוין דורכגעפירט אן 'ענעקסעישאן' און זיי האבן שוין אויסגעפייט ווילעדזשעס און פארשידענע געגנטער, אויך האבן זיי געהאט גוטע עקספיריענס ביי דיסקרימינעישאן קעיסעס.

עס איז געווען אין די עשי"ת ווען איך בין צוזאמען מיט הרה"ח רבי משה פרידמאן שליט"א אראפגעפארן קיין אלבאני, און מיר האבן איבערגעגעבן דעם קעיס פאר די דערמאנטע פירער, זיי האבן אויפגענומען אלע פרטים און געזען גענוי וואס דא טוט זיך, און מיר האבן זיי אויפגענומען צו ארבעטן פאר אונז.

## א דיסקרימינאציע קלאגע קעגן דעם 'טאון און מאנרא'

**מיר האבן זיי געזאגט אז ווילן אצינד קלאגן אין געריכט דעם טאון און מאנרא אויף דיסקרימינעישאן קלאגעס, און אז אונזער יעצטיגער ציל איז אויפצובויען א שטארקע קעיס, דורך איבערצייגן שווארץ אויף ווייס אז דא איז נישטא קיין שום מערכה וועגן געזעץ אדער עפעס אנדערש, נאר די גאנצע זאך איז איין שטיק אנטיסעמיטיזם און גארנישט עפעס אנדערש. אונזער קעיס דארף זיין אויפגעבויעט מיט שטארקע באווייזן אז זיי זאלן דאס נישט קענען פארלייקענען.**

מיר האבן אין יענע וואכן באוויזן צו האבן א גרעסערע מיטינג, אלע אונזערע לויערס מיט די גאנצע הנהלת קרית יואל זענען געזיצן אינאיינעם, און דארט זענען מיר געקומען צו די קלארע החלטה פון אונזער מהלך, אז מיר דארפן איבערצייגן דעם געריכט אז דאס וואס זיי ווילן מאכן דעם ווילעדזש מיט'ן טאון אינאיינעם, איז נאר ווייל זיי ווילן אונז שטערן פון צו עקזיסטירן, און דאס וואס אונזער עקזיסטענץ שטערט זיי האט נישט קיין צווייטע סיבה נאר רשעות און שנאת ישראל.

**דאס מיינט אין קלארע ווערטער אז מיר גענבן אריין א קלאגע פון דיסקרימינעישאן קעגן דעם טאון און מאנרא.**

ווי דערציילט פאריגע וואך האט אונזער לויער בערני דעוויס געמאכט א גוטע ארבעט מיט'ן צושטעלן די באווייזן און די קלאגעס, און די אנדערע לויערס האבן דאס איבערגענומען און צוגעגרייט.

ווען מען האט געהאלטן ביי דעם שטאפל איז געקומען די צווייטע ארבעט פון טרעפן א ריכטער וואס זאל גרייט זיין אנצונעמען דעם קעיס.

צוזאמען מיט אונזערע לויערס בין איך אריינגעפארן קיין ניו יארק צום 'יונייטעד סטעיט'ס דיסטריקט און קארט' פאר 'סאטערן דיסטריקט און ניו יארק', און מיר האבן דארט געזוכט א ריכטער וואס זאל אננעמען דעם קעיס. אבער צו אונזער אנטוישונג האבן מיר זיך געדרייט אהער און אהין און קיין איין ריכטער איז נישט גרייט געווען דאס צו אננעמען.

ווען מיר האבן זיך דערזען ביי דעם שטאפל איז געווארן א היבשע אנגעצויגנקייט. ווייל דער סדר גייט אז אויב טרעפט מען אליינס א ריכטער וואס איז וויליג אנצונעמען דעם קעיס איז גוט, און אויב נישט טוט דער געריכט הויז - אדמיניסטראטאר איינטיילן צו וועמען מ'זאל גיין, און געווענליך איז דאס נישט קיין גרויסע טובה... די חזקה איז דאך אז 'עשו שונא ליעקב' און א פשוט'ער גוי וועט אונז נישט ברענגען קיין ישועות.

**ווי פארשטענדליך, און ווי יעדעס מאל ווען מיר האבן געשפירט אז עס איז שווער דער מצב האבן מיר גערופן צום רבי'ן אין שטוב. מיר האבן זיך מזכיר געווען פאר'ן רבי'ן אז מיר שטייען אצינד ביי א גורל'דיגע מאמענט ווען מען האפט צו קענען אנקלאגן די העצערישע גוים אין געריכט און דערמיט העלפן אונזער שאנסן זיך צו אפטיילן פון די גוי'אישע הענט.**

**דער רבי האט זיך נאכגעפרעגט מיט א געוואלדיגע אינטערעסע אויף די פרטים איבער דעם געריכטליכן פארמעסט און איבער די לעגאלע דעטאלן וויאזוי צו זיך אפטרייסלען פון די גוי'אישע טאון און אריינברענגען אן אייגענע אידישעווירטשאפט.**

**מיר האבן דערביי מזכיר געווען אז מען איז אצינד קריטיש וויכטיג אנגעוויזן אין א פריינטליכע ריכטער וואס זאל מסכים זיין צו אננעמען די קעיס, און הערנדיג דער רבי זייער ווארעם אנגעוואונטשן און געגעבן ברכת קדשו.**

## מיר טרעפן א ריכטער

אצינד האבן מיר נאכאמאל געזען דעם "ברכת צדיק עושה רושם" ווען בלויז צומארגנס, אויפ'ן צווייטן טאג נאכדעם וואס מיר זענען ווידער ארומגעלאפן איבעראל און געזוכט האבן מיר ב"ה געטראפן א ריכטער מיט'ן נאמען 'דזשארדזש גיגליארדי'. מיר האבן זיך זייער געבעטן צו אים אז ער זאל אונז אזויפיל טון און ער זאל דורכקוקן די פאפירן און זען צי ער וויל עס אננעמען.

דער ריכטער האט אונז נאכגעגעבן, עס איז געווען 11 אזייגער פארמיטאג ווען ער האט איבערגענומען פון אונז דאס פעקל מיט 75 פאפירן און ער האט געבעטן אז מיר זאלן אים געבן דריי שעה און ער וועט דאס דורכליינען און דאן וועט ער באשליסן.

ווי נאר איך האב געהערט זיינע ווערטער האב איך שנעל אויפגעזוכט די נענטסטע פובליק טעלעפאן און איך האב באלד אנגערופן מיין שוואגער, פונאנדערגעשיידט, דעם רבי'נס געטרייער משב"ק הרה"ח ר' עזריאל גליק ע"ה. איך האב אים דערציילט וואו מיר זענען יעצט, און אז מירווארטן תשובה פונעם ריכטער אין די קומענדיגע געציילטע שעות.

ר' עזריאל איז טאקע באלד אריינגעגאנגען צום רבי'ן און ווידעראמאל מזכיר געווען אז דעם רבי'נס שלוחים זענען יעצט אין 'דיסטריקט אוו קארט' און זיי האפן צו באקומען א סימפאטישן ריכטער וואס זאל אנפירן מיט דעם געריכט קעגן די גוים צו ערמעגליכן אן אייגענעם אידישן פירערשאפט.

**דער רבי - וועלכער האט אלעס מיטגעהאלטן נאך פון דעם נעכטיגן שמועס - האט טאקע אנגעוואונטשן בפנים צהלות: "עס וועט זיין מיט הצלחה".**

געווני דריי שעה שפעטער, צוויי אזייגער מיטאג, זענען מיר ווידער אריין צום ריכטער. נאכדעם וואס ער איז געזיצן דערויף און ער האט דאס גוט דורכגעקוקט האט ער אונז טאקע אויפגענומען זייער העפליך מיט א שמייכל און ער האט מסכים געווען אז ער האט אנגענומען דעם קעיס, ד.ה. צו רופן דעם טאון אוו מאנרא און זיי באשולדיגן מיט דיסקרימינאציע.

דער ריכטער איז טאקע געווען דער גוטער שליח צו ברענגען די ישועה קעגן די שונאי ישראל, ווי דער רבי האט אונז געוואונטשן, אז עס וועט זיין מיט הצלחה.

## די קלאגע ווערט אריינגעגעבן

אין אן ערשטן שריט האט דער ריכטער קודם ארויפגעלייגט א 'סטעי' אז די העצער זאלן נישט קענען גיין ווייטער מיט זייערע פלענער פון א ווילעדזש. און ער האט באשטימט א טאג אויף עטליכע וואכן שפעטער, אויף מיטוואך פרשת לך, תשל"ז, אקטאבער 22, ווען ביידע צדדים זאלן אריבערקומען אין געריכט און מ'וועט אנהויבן צו אויסהערן די צדדים.

זעלבסט פארשטענדליך אז איך האב גערופן צום רבי'ן אין שטוב איבערגעבן די פרישע אנטוויקלונגען וואס דער רבי האט אויפגענומען מיט א גרויסע שמחה.

אונזער עיקר באוויז קעגן זיי **אין** די קלאגע איז געווען: דער אופן וויאזוי דער 'טאון אוו מאנרא' האט זיך באצויגן צו די צוויי איינגעגעבענע פעטיציעס וואס מ'האט אריינגעגעבן צו זיי, און וויאזוי זיי האבן איגנארירט די פעטיציע וואס זיי האבן צום ערשטן באקומען פון אונז אידן זיך צו אפטיילן פון דעם טאון, און זיך קודם גענומען צו די צווייטע פעטיציע וואס זיי האבן באקומען פון די איינוואוינער פון 'טאון אוו מאנרא'.

מיר האבן דאס געקענט זען זייער קלאר אויף זייער קאלענדער ווי זיי האבן געשריבן אז די פעטיציע פון מאנרא וועלן זיי אפירנעמען אקטאבער און ווידעראום אונזער פעטיציע האט מען הערשט אפגעלייגט אויף נאוועמבער. ס'איז געווען זייער קלאר וואס דאס מיינט און וואס זייער ציל מיט דעם איז, אז איינמאל די ערשטע פעטיציע גייט אריבער און עס ווערט באשטעטיגט צו ערלויבן די גאנצע טאון אוו מאנרא צו ווערן א חלק פון די ווילעדזש אוו מאנרא, איז שוין דאן בכלל נישט רעלעוואנט צו נעמען די צווייטע פעטיציע, ווייל פון א ווילעדזש קען מען זיך דאך נישט אפרייסן, דאס מיינט אז אן קיין שום סיבה האבן זיי פשוט ארויסגעווארפן אונזער פעטיציע.

מיר האבן אריינגעגעבן די אפיציעלע קלאגע דורך אונזער לויער מארקאוויטש, און דארט איז ארויסגעברענגט געווארן זייער שטארק די טענה אז אלעס וואס זיי ווילן און פארוואס זיי האבן מחליט געווען צו 'מוירטשן' - צוזאמשטעלן דעם טאון מיט'ן ווילעדזש, איז נאר מיט'ן איינעם ציל, אונז צו שטערן פון מאכן אונזער אייגענעם ווילעדזש.

## דער כח עליון פון רביה"ק באגלייט אונז

איך בין בעיקר געזעצן במשך די גאנצע צייט מיט'ן לויער בערני דעוויס, כאטש עס איז געווען א טיעם מיט לויער'ס וואס זענען געזעצן אויפ'ן קעיס, אבער דער לויער בערני איז געווען דער וואס 'געבויעט' דעם קעיס, ער האט געזאמלט די שטיקלעך אינפארמאציע און ער איז געווען בעובי הקורה אויף טריט און שריט.

איז אינטערסאנט צו דערציילן וואס דער לויער האט מיר אמאל געזאגט מיט א שטארקע באגייסטערונג אז ער שפירט דאס כסדר, און ער איז אין דעם נישט מסופק אז מיר אידן האבן דא א העכערן כח וואס באגלייט אונז אויף טריט און שריט, ווייל ער האט געזען בחוש וויאזוי זאכן שטעלן זיך אויס ממש שלא כדרך הטבע. זאכן וואס האט אויסגעזען אז עס קען נישט מצליח זיין, און פלוצים ווערט דאס א פאקט, וואס דאס האט אים באגלייט די גאנצע צייט ביז ווען ער האט זיך דערזען סוקסעספול ביי דער ענדע פון דער מערכה.

אנגעהויבן ביי דעם וואס מיר האבן געדארפט טרעפן א ריכטער וואס זאל גרייט זיין אנצונעמען די דיסקרימינאציע קלאגע קעגן דעם 'טאון אוו מאנרא', וואס ווי דערציילט, איז דאס זייער נישט לייכט אנגעקומען ווען ס'איז צוערשט נישט געווען קיין ריכטער וואס זאל גרייט זיין צו אננעמען די קלאגע.

עקסטער האבן מיר געהאט אריינגעגעבן א קלאגע אין געריכט אין וועלכן מיר האבן פארלאנגט אז דער טאון זאל אויפהערן מיט זייערע רדיפות קעגן אונז. מיר האבן פארלאנגט אז זיי זאלן אויפהערן צו שיקן די אינספעקטארס קלאפן אויף די טירן, אריינקוקן דורך די פענסטער און אלע זאכן וואס שטערן אונזער מנוחה.

מיט די ביידע זאכן האבן מיר באמת קודם נישט מצליח געווען. די קלאגעס האבן נישט אויסגעזען ווי זיי טרעפן אן אוזן קושבת בכלל און קיין איין ריכטער האט דאס נישט געוואלט אננעמען. אבער פלוצים האבן ב"ה געטראפן דעם ריכטער וואס איז גרייט געווען צו אננעמען די קלאגע פון דיסקרימינאציע און באלד דערנאך האט מען באקומען נאך א פאזיטיווע מעלדונג בנוגע די אנדערע אנקלאגע.

**איך געדענק נאך ווי היינט, איך בין דעמאלט געשטאנען אינעם האל פון געריכט הויז, און איך האב טעלעפאנירט צו רבי לייבוש לעפקאוויטש ע"ה, איך האב אים דערציילט מיט גרויס שמחה אז ענדליך האבן מיר געטראפן א ריכטער וואס איז גרייט אנצונעמען דעם קעיס. אזוי נאך אינמיטן וואס איך האב געהאלטן אינמיטן רעדן צו אים, לאזט מען מיך רופן מיט נאך א וויכטיגע מעלדונג, אז דאס געריכט איז גרייט צו באצווינגען דעם טאון אוו מאנרא אז זיי זאלן מוזן אויפהערן מיט זייערע אומבארעכטיגטע אגרעסיעס קעגן די אידישע איינוואוינער.**

**איך בין געבליבן שטיין פארוואונדערט, מיר האבן די צוויי צרות וואס פלאגט אונז אזוי לאנג, און דא פלוצלינג אין איין טאג האבן מיר געהאט אן אומערווארטעטע ישועה אויף ביידע פראנטן, בכוחו ובברכתו פון הייליגן רבי'ן זי"ע וואס האט באשיינפערליך באגלייט אזוי וואונדערליך.**

דאס איז געווען אן אומפארלייקנבארער פאקט, ממש אין א בחינה פון וראו כל עמי הארץ כי שם ה' נקרא עליך. אפילו דער לויער בערני דעוויס האט דאס געזען בחוש און געמוזט מודה זיין אז מיר ווערן דא געפירט פון א העכערן כח און בלויז די זכות פון דעם צדיק אמת פירט אונז און באגלייט אונז די גאנצע צייט.

**פאלגט נאך קומענדיגע וואך די ווייטערדיגע אנטוויקלונגען איבער דעם געריכטליכן קאמף זיך צו אפטיילן פונעם גוי'אישן טאון און פארמירן אן אייגענע אידישע ווילעדזש**

## ברכת מזל טוב
לתושבי עירינו שהשמחה במעונם

מוה"ר **זלמן לייב דייטש** הי"ו
לרגל נישואי בנו הבה"ח
חיים יעקב הי"ו למז"ט

מוה"ר **אלי' לאנדא** הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

מוה"ר **לייבל הערשקאוויטש** הי"ו
לרגל הכנסת בנו לעוהותוהמ"צ למז"ט

מוה"ר **בנציון לעווי** הי"ו
לרגל הכנסת בנו לעוהותוהמ"צ למז"ט

יזכו לראות רב נחת דקדושה מתוך הרחבת הדעת



דירות צו פארדינגען
אין בלומינגראוו

**שיינע גרויסע 4 בעדרום לופטיגע הויז**

**3 בעדרום דירה אין גוטע געגענט**

לייבל הערשקאוויטש
**845-248-6411**



For all handyman work
call Mr. Ficsh
the handyman
845-776-0779





משלוח מנות צענטער

- טשאקלאט ערעינדזשמענטס
- קינדער משלוח מנות
- און נאך...

און זימיגראד'ע ווייבער שוהל

**זמנים!**
מיטוואך/דאנערשטאג תצוה: פון 8:00 ביז 10:30 ביינאכט
מוצאי שבת זכור: 9:30 ביז 11:30
זונטאג כי תשא: פון 8:00 ביז 10:30 ביינאכט
תענית אסתר: פון 12:00 ביז 6:00

המשמש
לייבל הערשקאוויטש
845.248.6411


**אריינצושיקן אדווערטייזמענטס, בילדער,**
**בריוו קלאסיפייד, שרייבט צו:**
BGVoice@UJCofBloomingGrove.org


SPONSORS

printcenter

Print out for BUSINESS

UPSTATE ROOFING & SIDING
845-781-4848




### בית המדרש
### קהל יטב לב ד'סאטמאר
בלומינגראוו, קרית יואל
בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

Congregation Yetev Lev of Capitol Hill • 1 Roanoke Drive • Blooming Grove, NY 10950

בס"ד

# זמני הוראה
## ע"י הגה"צ אב"ד דקהלתינו שליט"א
להשיב לכל שואל בדבר ה' זו הלכה, לדעת את המעשה אשר יעשון

**בבוקר:**
**משעה 8:15 עד 8:45**

**בערב:**
**אחר מעריב (בזמן ר"ת) - חצי שעה**
**משעה 9:45 עד 10:15**

בשאר זמנים יכולים לפנות:
סעל: 347-432-9971
ביתו: 18 Virgina Ave.

בכבוד רב
הנהלת בית המדרש




### בית המדרש
### קהל יטב לב ד'סאטמאר
בלומינגראוו, קרית יואל
בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

Congregation Yetev Lev of Capitol Hill • 1 Roanoke Drive • Blooming Grove, NY 10950

בס"ד


# שינוי זמן

בזה הננו מודיעים לפני קהל אנ"ש ובאי בית מדרשינו שיחיו
**אשר לאור המסיבה שבע ברכות**
**בקהל מאורות נתן ראדאוויץ**

# המסיבה הגדולה ושכנתי
## להחזקת בית מדרשינו
יתקיים אי"ה
# במוצש"ק תצוה
# זכור הבעל"ט

ובכח האחדות בקרב עירנו, נזכה להרמת
קרן ישראל בחודש שמרבין בו בשמחה, אמן

בכבוד רב
**הנהלת בית המדרש**